STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01469

DER TSIENIZM

Yosif Berku

Permanent preservation of this book was made possible
by Cheryl Fishbein & Philip Schatten
in memory of
Adele Fishbein and Saul & Etta Schatten

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָסיף בערקו

דער
ציוניזם
די אידעאָלאָגיע פון דער יידישער נאציאָנאליסטישער
בורזשואזיע
אין דינסט פונעם
אימפעריאליזם

מלוכה־פארלאג

די קאַמפן און די נצחונות וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־קלאַס, און באַזונדערס די רוסישע ארבעטערשאַפט האָבן דערגרייכט אויפן וועג צו אַן אַלץ גליקלעכער לעבן, האָבן באַוויזן גאַנץ קלאָר, אַז איינע פון די קאָנדיציעס פאַר די דערפאָלגן איז דאָס אויסראָטן דעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן איינפלוס פונעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם.

לענין און סטאַלין, די גרויסע אָנפירער פונעם פּראָלעטאַריאַט, האָבן פאַרפלאָכטן זייער רעוואָלוציאָנערע שעפערישע טעטיקייט, מיט א אומבויגזאַמען קאַמף קעגן יעדן איינפלוס פון דער בורזשואַזיע אין דער ארבעטער־באַוועגונג. א וויכטיקן פּלאַץ אין דער דאָזיקער ארבעט פון אידעאָלאָגישער פארשטאַרקונג פונעם ארבעטער־קלאַס, האָט פאַרנומען די ליקווידירונג פון יעטוועדן נאַציאָנאַליסטישן איינפלוס, אַזוי ווי לענין ווייזט אונדז „סיי וואָס פאַר בורזשואַז ליבעראַלער נאַציאָנאַליזם שעדיקט, אין א זייער גרויסער מאָס די ארבעטער־סביבה, און פאַרורזאַכט א זייער גרויסן שאָדן דער זאַך פון פרייהייט און פונעם קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקע פּאָזיציע האָט געמאַכט די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נישט אָפּצושוואַכן קיין מאָמענט די רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט לגבי יעדוועדער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער אָפּנויגונג, זי צו פאַרניכטן און אָנצופירן דעם ארבעטער־קלאַס פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויפן וועג פון די היסטאָרישע נצחונות פון אַלוועלטלעכער באַדייטונג, וואָס האָבן דערפּגט דעם וועג פונעם קאָמוניזם אין פ.ס.ס.ר.

אויך אין אונדזער לאַנד, איז די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־באַוועגונג, די רומענישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אין דער גאַנצער צייט פון איר אומלעגאַלער טעטיקייט, געשטאַנען אויף דער וואַך און געקעמפט כדי צו באַזייטיקן דעם איינפלוס פונעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל פאַנאַנדערוויקלען זיין אייגענע באַפרייונגס־פאָן.

אין די רעזאָלוציעס פֿונעם צווייטן קאָנגרעס און באַזונדערס אין די פֿונעם פֿינפֿטן קאָנגרעס פֿון דער ר. ק. פּ. וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער אילעגאַליטעט, ווערט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע באַטראַכט אינעם ליכט פֿונעם מאַרקסיזם־לעניניזם, אַלס אַ טייל פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ וויכטיקן רעוואָלוציאָנערן באַוועגנדיקן כּוח. אויך מיט דער זעלבער געלעגנהייט, האָט מען אָנגעוויזן אַז די העכסטע פּאַנאַנדערוויקלונג פֿון דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, קען דערגרייכט ווערן נאָר אויב מען וועט באַזייטיקן אין סאַמע ברען פֿונעם קאַמף, אַלע שפּורן פֿונעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, אַלע רעשטן פֿון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע, אַלע פּרוּוון צו שפּאַלטן די אינטערנאַציאָנאַליסטישע איינִיקייט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע פֿעסטע שטעלונג, אינעם קאַמף פֿאַר דער ר. ק. פּ. קעגן סײַ וועלכע אונטערדריקונגען און נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע האָט אַרומגענומען אונטער זײַן קאַמף־פֿאָן, די מאַסן אַרבעטס־מענטשן פֿונעם רומענישן פֿאָלק און פֿון די מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן.

די פּרינציפּיאַליטעט און די קאָנסעקווענץ פֿון דער פּאַרטיי פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, בנוגע דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, און דעם אופֿן זי צו לייזן, האָבן נאָך מער פֿאַרגרעסערט דעם פּרעסטיזש פֿון דער פּאַרטיי בײַ די וואָס אַרבעטן און האָבן איר פֿאַרזיכערט זייער גאַנצע שטיצע.

דער קאַמף קעגן דעם בורזשואַזן־נאַציאָנאַליזם איז געוואָרן אַ באַזונדער וויכטיקע אויפֿגאַבע, און איבערהויפּט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער אַגרעסיווער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם זוכט אָפּצושוואַכן דעם כּוח פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג גראַד מיט דער הילף פֿון דער פֿאַרפֿוילטער אידעאָלאָגיע פֿונעם קאַפּיטאַליזם, פּרוּוונדיק צו ברעכן די קאַמף־איינהייט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, אַן איינהייט וואָס איז אויסגעשמידט געוואָרן אינעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן גייסט, ווײַל דער אימפּעריאַליזם זיך פֿאַרזיכערן אויף דעם אופֿן די וועלט־הערשאַפֿט און פֿאַרכאַפּן וואָס מער לענדער.

די דאָזיקע אימפּעריאַליסטישע פּלענער זענען אָבער דעמאַסקירט געוואָרן פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, באַזונדער פֿון דער באָלשעוויסטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּ. ס. ס. ר. וואָס האָבן געשטעמפּלט די נײַע קאַפּיטיס פֿונעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. אַ וויכטיקן אָרט אין דער דאָזיקער שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק פֿאַרנעמט די פֿאַשיסטישע באַנדע פֿון טיטאָ, דזשילאַס, קאַרדעלי און ראַנקאָוויטש, וואָס האָט זיך געשטעלט אינעם דינסט פֿונעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם. דער נאַציאָנאַליזם דינט די אַגענטן פֿונעם אַמעריקאַנישן שפּיאָנאַזש פֿון בעלגראַד, כּדי צו העלפֿן די קריגס־פּלענער פֿון די רעגירונגען פֿון וואַשינגטאָן און לאָנדאָן. די דאָזיקע פֿאַשיסטן האָבן געפֿונען אַ שטיצע פֿאַר זייערע פּלענער דורך דעם נאַציאָנאַליסט קאָסטאָוו, אין בולגאַריע, און רײַק אין אונגאַרן. די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען געוואָרנט דורך דער רעזאָלוציע פֿונעם אינפֿאָרמאַטיוו־ביוראָ איבער

דער לאַגע פון יוגאָסלאַוויע, איבער דער סכנה וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דער נאַציאָנאַליזם אין דעם דאָזיקן מאָמענט.

די דאָזיקע אָפּנייגונג פירט צום איבערריים מיטן איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן פראָנט, צו אַן אָפענער אַנטיסאָוועטישער שטעלונג, צום פאַרלוימדן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די לענדער וואָס בויען דעם סאָציאַליזם, צום אומאויפהערלעכן אַראָפּקייקלען זיך אינעם לאַגער פונעם אַגרעסיוון מלחמה־העצערישן אימפּעריאַליזם. דער ביישפּיל פון דער לאַגע אין יוגאָסלאַוויע איז איבערצייגנדיק.

אין אונדזער לאַנד, די רומענישע פאָלקס־רעפּובליק וואָס גייט צום סאָציאַליזם, איז די ברודערשאַפט און גלייכהייט צווישן אַלע מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן א ווירקלעכקייט, אָבער כדי צו פאַרפולקומענען די לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איז דער קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם געווען און איז נאָך אַצינד אויך אַן אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס ווי אויך פון אַלע אַרבעט־מענטשן וואָס ווילן זיך שאַפן אַ פריי לעבן אָן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע.

דאָס דעמאַסקירן און באַקעמפן פּאַטראַשקאַנוס נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישן אָפּנויג, די ליקווידירונג פונעם איינפלוס פון מאַניוס און בראַטיאַנוס בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען, ווי אויך אַלע מאָסמיטלען וואָס פאַרזיכערן די פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע די וואָס אַרבעטן, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, און איבערהויפּט די בהדרגהדיקע ליקווידירונג פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס איז דער גענעראַטאָר פונעם נאַציאָנאַליזם, זענען פאַקטן וואָס באַווייזן די אַנטשלאָסנקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס, צו באַזייטיקן די סיבות, צוזאַמען מיט די אָנהענגער און די פּאַרטיידיקער פון דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

פון אַ באַזונדערער וויכטיקייט אין דעם ענין איז געווען דאָס דערשיינען פון דער רעזאָלוציע פונעם פּאָליטישן ביוראָ פונעם צ. ק. פון דער רומענישער אַרבעטער פּאַרטיי, אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער דאָזיקער דאָקומענט — צו וועלכן מיר וועלן זיך נאָך אָפּטער אָפּשטעלן אין ראַמען פון אונדזער אַרבעט — איז פון אַן אויסערגעוויינלעכער באַדייטונג, וואָס איז אַ וועגווייזער פאַר אַלע די וואָס אַרבעטן, אויפן וועג פונעם קאַמף קעגן דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער פאַרברודערונג און דער פריינטשאַפט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די נאַציאָנאַליטעטן פון דער רומענישער פאָלקס־רעפּובליק.

„אין די איצטיקע באַדינגונגען פון אַלץ פאַרשאַרפנדיקן קלאַסן־קאַמף, — זאָגט די רעזאָלוציע — אָנווענדנדיק מיט אַנטשלאָסנקייט די ליניע פון דער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, צימענטירן מיר בעסער די פּאָליטישע און מאָראַלישע איינהייט פונעם אַרבעטנדיקן פאָלק אָן קיין אונטערשיד פון נאַציאָ־

נאַליטעט אויפן וועג פון בויען דעם סאָציאַליזם. גלייכצייטיק רייסן מיר ארויס א געפערלעך געווער פון דער האַנט פונעם קלאַסן־שונא, פון דער רעאַקציע און דעם אימפּעריאַליזם.״

„די פּאָליטיק פונעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם איז א פּאָליטיק פון צע־טיילן, אונטעריאָכן און אונטערדריקן די פעלקער. דער נאַציאָנאַליזם איז דער סאַמע געפערלעכסטער שונא פון דער איינהייט פון אלע די וואָס ארבעטן, אינעם קאַמף פאר זייערע קלאַסן־אינטערעסן, בשעת דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַ־ציאָנאַליזם איז דאָס מעכטיקסטע געווער פונעם ארבעטער־קלאַס און פון אלע ארבעטנדיקע קעגן יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און קלאַסן עקס־פּלואַטאַציע.״

די רעזאָלוציע האָט באַטייט א וויכטיקן שריט פאר דער אויפקלערונג פון די ארבעטנדיקע איבער דער סכנה פונעם נאַציאָנאַליזם.

זי האָט געהאַט און האָט א באַזונדערע באַדייטונג אויך פאר די יידישע ארבעטנדיקע, וועמען זי האָט געוויזן די נויטווענדיקייט צו פארשטארקן דעם קאַמף קעגן דעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם און האָט זיי באוואָפנט אין דער דעמאַסקירונג פון זיין רעאַקציאָנערן כאַראַקטער. די רעזאָלוציע אונטערשטרייכט אז דער ציוניזם דינט דער יידישער בורזשואַזיע און שטייט אינעם דינסט פון דעם אנגלאָ־אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם.

„דער ציוניזם פון אלע ניואַנסן איז א רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטישע שטרעמונג פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס זוכט צו איזאָלירן די יידישע ארבעטנדיקע באַפעלקערונג פון די פעלקער צווישן וועלכע זי לעבט, זוכט צו שטערן איר קאַמף אין די רייען פון די פּראָגרעסיסטישע כוחות קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און קעגן זיין אייגענער בורזשואַזיע.״

די אָנווייזונגען וואָס די רעזאָלוציע האָט אונדז געגעבן, האָבן אונדז געהאָלפן אנאַליזירן די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע אַספּעקטן פונעם ציוניס־טישן נאַציאָנאַליזם.

שטיצנדיק זיך אויף פאַקטן פון דער אַקטיוויטעט פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלן מיר פּרוּוון צו באַווייזן אונדזערע לייענער גראַד דעם בור־זשואַז־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פונעם ציוניזם און דעמאַסקירן די ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע וואָס זוכט אים איינצוהילן אין א דעמאָקראַטיש פּראָגרעסיס־טישן מאַנטל.

די דאָזיקע זאַך איז מיט אַזויפיל נויטיקער, אויף וויפל עס איז פאַראַן אין די רייען פון דער יידישער באַפעלקערונג און אויך בא אייניקע קליין־בור־זשואַז־ליבעראַלע, נישט־יידישע אינטעלעקטואַלן, די גרינטלעך פאַלשע אָדער די גאָר פיינטלעכע מיינונג — אז דער ציוניזם איז דער וועג כדי צו לייזן די פראַגע פון די אונטערדריקטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

I. דער ציוניזם — דער אויסדרוק פון נויטוועדיקייט פון דער יידישער בורזשואזיע זיך צו שאפן אן אייגענעם עקספלואטאציע־מארק.

דער ציוניזם וואס איז אנגערופן געווארן פון די טעארעטיקער פון דער יידישער בורזשואזיע „א פאליטישער" און וואס האט באיינפלוסט אלס אזעלכער די יידישע באפעלקערונג, דערשיינט אינעם פעריאד (1890—1900). זיין פראמאטאר און אידעאלאג איז געווען טעאדאר הערצל, א יידישער זשורנאליסט וואס האט געלעבט אין ווין.

דער ציוניזם קומט אויף אינעם פאליטישן לעבן, גראד אין יענעם מאמענט, אין וועלכן עטלעכע גרויסע מערבדיקע מלוכות האבן געהאט פארענדיקט דאס צעטיילן צווישן זיך די הערשאפט־ספערעס, די וועלט־מערק, אין יענעם מאמענט ווען דער קאפיטאליזם דערגרייכט אן איינהייטלעכן סיסטעם פון עקאנאמישער און פאליטישער פארקנעכטונג פון די פעלקער, — זיין לעצטע און העכסטע שטופע — דער אימפעריאליזם.

ס'איז פאראן א מיינונג, אז דער ציוניזם איז אויפגעקומען נאר אלס רעאקציע צו די אנטיסעמיטישע רדיפות, וואס די רעאקציע האט דעקלאנשירט אין יענעם פעריאד ווען עס הייבן זיך אן ארויסווייזן די סימנים פון דער קאפיטאליסטישער עקאנאמישער קריזע. די דאזיקע דערקלערונג ליידט נישט נאר אין איינזייטיקייט, עס פעלט איר אבער אויך די רעאלע עקאנאמישע באזע, דער קלאסן־אנשפאר, די פארבינדונג מיט די מאטעריעלע אומשטאנדן וועלכע האבן געבוירן דעם ציוניזם.

אטא העלער אין זיין בוך „דער סוף פונעם יודאיזם" דערשינען אין 1933, שעצט אפ דעם ציוניזם בלויז ווי א באוועגונג פון דער קליינער יידישער בורזשואזיע וואס האט נישט געקענט קיין אנדערן וועג צו רעאגירן קעגן דער כוואליע פון שאוויניזם פון דער רעאקציע. ער זינדיקט דא גענוי ווי ער זינדיקט באטראכטנדיק דעם נאציאנאל־סאציאליזם ווי א רעוואנש־נעמענדיקע נאציאנאליסטישע שטרעמונג פון דער דייטשער קליין־בורזשואזיע, ווען אין תוך איז דאס געווען א פאשיסטישע שטרעמונג פון די סאמע רעאקציאנערסטע, פון די סאמע שאוויניסטישע, סאמע אימפעריאליסטישע שפיצן פונעם מאנאפאליסטישן קאפיטאליזם.

די אויפמערקזאמע אויספארשונג פון דער ציוניסטישער שטרעמונג, די אנאליזירונג פון אירע מאניפעסטירונגען פונעם מארקסיסטיש־לעניניסטישן שטאנדפונקט, ווייזן אונדז אז די דאזיקע שטרעמונג איז דער אויסדרוק פון דער נויטוועדיקייט פון דער יידישער בורזשואזיע זיך צו שאפן אן אייגענעם עקספלואטאציע־מארק.

ווי אזוי איז דערשינען די דאָזיקע נויטווענדיקייט גראָד אין די יאָרן פון סוף 19־טן י. ה.? וועלכע זענען געווען די באַדינגונגען אונטער וועלכע זי איז אויפגעקומען?

כדי צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן, וועלן מיר זיך מוזן אָפּשטעלן אויף דעם אופן ווי אזוי עס זענען אנטשטאַנען די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וועלכע זענען געווען די לעצטע סיבות דורך וועלכע זיי זענען אנטשטאַנען און ווי אזוי מען האָט באַקליידט די דאָזיקע באַוועגונגען אין א נאַציאָנאַליסטיש קלייד.

מיר וועלן נאָך מוזן דאָ צוגעבן בקיצור, אז א נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז פּראָגרעסיסטיש אָדער נישט, לויט די באַדינגונגען אין וועלכע זי אנטשטייט און אין וועלכע זי אנטוויקלט זיך.

לעניִן און סטאַלין ווייזן אז די נאַציעס, פּונקט ווי די נאַציאָנאַלע מלוכות, וואָס אנטשפּרעכן צו די דאָזיקע נאַציעס, פאָרמירן זיך גלייכצייטיק מיטן דערשיינען פון דער בורזשואזיע, גלייך מיט דער אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. דאָס באַדערפעניש זיך צו פאַרזיכערן קוואַלן פון רוי־שטאָפן, אן אָפּזאַצמאַרק פאַר די פּראָדוקטן, ווי אויך ארבעטס־קראַפט, אלע דריי פאַקטאָרן וואָס זענען נויטיק פאַר דער אנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, האָבן געשטעלט פאַר דער אויפשטייגנדיקער בורזשואזיע, די פראַגע פון שאַפן אן אייגענעם נאַציאָנאַלן מאַרק. „די נאַציע איז נישט סתם א היסטאָרישע קאַטעגאָריע, נאָר א היסטאָרישע קאַטעגאָריע פון א באַשטימטער עפּאָכע, פון דער עפּאָכע פונעם אויפשטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם. דער פּראָצעס פון דער ליקווידירונג פונעם פעאָדאַליזם און פון דער אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, איז אין דער זעלבער צייט אויך דער פּראָצעס פון צוזאַמענשטעלן זיך פון מענטשן אין נאַציעס.” (סטאַלין־ווערק 2־טער באַנד זייט 318—319 פאַרלאַג ר.א.פּ. 1949).

די ערשטע קריטעריע באַם פאָרמירן פון דער נאַציע איז געווען די שפּראַך, וואָס לעניִן באַטראַכט ווי א מעכטיק כלי־זין פאַר פאַרשטענדיקונג און אויסטויש צווישן מענטשן.

דאָס בילדן פון די נאַציעס און פון די נאַציאָנאַלע מלוכות וואָס אנטשפּרעכן זיי, איז מעגלעך געווען, נאָר דאָרט, ווו דער „טריומפאַלער מאַרש פונעם קאַפּיטאַליזם” האָט גענצלעך ליקווידירט די פעאָדאַלע אָרדענונג און האָט געעפנט די טויערן פאַר דעם איינדרינגען פון דער גרויסער אינדוסטריע, זאוואָדן, פאַבריקן מיט צענער טויזנטער לוין־ארבעטער. אזוי איז געשען אין ענגלאַנד, איטאַליע און אין אנדערע מלוכות פון מערב־אייראָפּע.

אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע איז נישט געשען די זעלבע זאַך. דאָ איז נישט מעגלעך געווען די פאָרמירונג פון איינציק נאַציאָנאַלע מלוכות, ווייל די אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם איז געשטערט געוואָרן דורך דער דערשטיקונג פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע. די בורזשואזיע, מורא האָבנדיק פאַר די פאָלקס־מאַסן האָט פאַראָטן די רעוואָלוציע, איז אריבער אינעם לאַגער פון די גוטבאַזיצער און די פּריצים, רעדוצירנדיק די דעמאָקראַטישע און רעוואָ־

לוציאָנערע פאָדערונגען פונעם פאָלק. די באַגייסטערונג און דער דראַנג צום קעמפן, זענען געשטילט געוואָרן דורכן פאַראַט פון די אָפּאָרטוניסטישע ליבעראַלע אָנפירער פון די פאַרשידענע בורזשואזע פּאַרטייען. די מאַכט איז צוזאַמען איבערגענומען געוואָרן פון גוט־באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, מיט א באַדינגונג וואָס האָט איינגעהאַלטן דעם פאַרוים־מאַרש פונעם קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע באַדינגונג איז געווען דאָס אויפהאַלטן פון געוויסע פעאָדאַלע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן באַרעכטיקט די עקזיסטענץ פון די גוט־באַזיצער.

די דאָזיקע נישט אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם האָט געשטערט דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פאָרשריט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און האָט נישט דערלויבט זייער גרינדונג אין נאַציעס. די נאַציאָנאַליטעט וואָס איז געווען מער אַנטוויקלט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, אַנטוויקלונג וואָס זי האָט דערגרייכט אויך א דאַנק באַזונדערע היסטאָרישע באַדינגונגען ווי: דאָס באַדערפעניש זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די באַרבאַרישע איבערפאַלן, די געאָגראַפישע לאַגע א. א. האָט אויף זיך גענומען דאָס התחייבות צו פאַראייניקן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין א פילנאַציאָנאַלער מלוכה, אַזוי ווי ס'איז פאָרגעקומען מיט עסטרייך־אונגאַרן און מיטן צאַריסטישן רוסלאַנד.

ווי מיר זעען, זענען פאַראַן אינעם קאַפּיטאַליזם נאַציאָנאַלע מלוכות וואָס באַשטייען פון איין נאַציע, אָדער אַזעלכע אין וועלכע די גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג באַשטייט פון איין נאַציע, און פילנאַציאָנאַלע אין וועלכע עס זענען פאַראַן מערערע נאַציאָנאַליטעטן און א הערשנדיקע נאַציע (אין עסטרייך־אונגאַרן האָבן די דייטשן און אונגאַרן אָנגעפירט סערבן, קראָאַטן, רומענער, טשעכן, סלאָוואַקן; אין רוסלאַנד האָבן די גרויס רוסן, אַלס הערשנדיקע נאַציע פאַראייניקט אין דער צאַריסטישער אימפּעריע די אוקראַינער, ווייסרוסן, געאָרגיער, פּאָליאַקן א. א.

די מלוכות פון מזרח אייראָפּע מיט א פאַרשפּעטיקטער און אפילו רעדוצירטער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זענען אַריינגעטרעטן אינעם אימפּעריאַליסטישן קרייז־לויף ערשט שפּעטער, ווען ס'איז פאַר זיי נישט מער געבליבן קיין שום קאָלאָניעס, אויסער זייערע אייגענע גרענעצן פון א פילנאַציאָנאַלער מלוכה.

אַדאַנק די דאָזיקע פאַקטאָרן, וואַקסט אין די דאָזיקע מלוכות די קאָנקורענץ צווישן די בורזשואזיעס פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און דער הערשנדיקער נאַציאָנאַלער בורזשואזיע. די ערשטע ווילן האָבן אַן אייגענעם מאַרק. אַזוי הייבט זיך אָן דער קאַמף צווישן די בורזשואזיעס פון דער פילנאַציאָנאַלער מלוכה. דעמאָלט הייבט זיך אָן א נאַציאָנאַלע באַוועגונג וואָס שטרעבט צו פאַרזיכערן דער בורזשואזיע פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, די מעגלעכקייט זיך עקאָנאָמיש צו אַנטוויקלען, און זיי גלייכצייטיק דערמעגלעכן דאָס פאָרמירן פון אַן אייגענער מלוכה. אַזוי הייבט זיך אָן דער נאַציאָנאַליזם און דער שאָוויניזם, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פאָרמעס פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

„די וויכטיקסטע פראגע פאר דער יונגער בורזשואזיע איז דער מארק. איר ציל איז אָפּזעצן אירע סחורות און זיגן אין דער קאָנקורענץ מיט דער בורזשואזיע פון אן אנדערער נאציאָנאַליטעט. פון דאנען די שטרעבונג זיך צו פארזיכערן אן „אייגענעם" מארק, אן „אָרטיקן" מארק.

„דער מארק איז די ערשטע שול אין וועלכער עס לערנט די בורזשואזיע דעם נאציאָנאַליזם." (סטאלין־ווערק ציט. ז. 321).

די דאָזיקע אונטערשידן אינעם קאמף פאר דער פארזיכערונג און פארברייטערונג פון אן אייגענעם מארק פון די נאציאָנאַלע בורזשואזיעס, זענען וויכטיק כדי מיר זאָלן זיך קענען געבן השבון פונעם פאקט אז דער ציוניזם איז אויך א באוועגונג פון דער יידישער בורזשואזיע כדי זיך צו שאפן אן אייגענעם מארק.

די יידן האָבן געלעבט און לעבן אין די מלוכות פון מערב־אייראָפּע, ווי אויך אין די מלוכות פון מזרח־אייראָפּע. וואָס שייך רוסלאנד, איז די רייד פון דער לאגע פון די יידישע־מאַסן אינעם פעריאָד ביז צו דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. די שאפונג פון דער סאָוועטישער מלוכה האָט געענדערט אויף א ראדיקאלן אופן די מאַטעריעלע און פּאָליטישע באדינגונגען פון די דאָזיקע מאַסן.

אין די ערשטע, האָט די יידישע בורזשואזיע נישט געזען באַדראָט איר עקאָנאָמישע טעטיקייט, מצד דער פראנצויזישער, ענגלישער, איטאַליענישער בורזשואזיע, נאָר האָט זיך אויך געמיינזאם באטייליקט אין רויב און אין עקספּלואטאציע פון די פאָלקס־מאסן, אסימילירנדיק זיך מיט דער מערהייטס־בורזשואזיע.

זי איז אריינגעדרונגען אין די פארשידנארטיקסטע צווייגן פון דער עפנטלעכער טעטיקייט, אין דער ליטעראטור, קונסט, וויסנשאַפט און אין דער פּאָליטיק פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, דאָ איז זי געווען אין זיכערקייט און איניקע אנטיסעמיטישע מאניפעסטאציעס האָבן זי איבערהויפּט נישט געשטערט, וויסנדיק אז איר איינפלוס אינעם מלוכה־אפּאראט פארטיידיקט זי קעגן יעדער אומאָנגעמלעכקייט. די זעלבע זאך קען מען נישט זאָגן וועגן די יידן וואָס האָבן געלעבט אין מזרח־אייראָפּע. איבער דער פארשפּעטיקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג, האָט די יידישע בורזשואזיע זייענדיק אין א קלענערער צאָל, און אויסנוצנדיק די דאָזיקע פארשפּעטיקונג געקענט מאכן פריי אירע געשעפטן, נאָר אין אָנהויב פון דער אנטוויקלונג ווען די רוסישע, פּוילישע, רומענישע בורזשואזיע איז געווען ווייניק אנטוויקלט, שוואך און האָט זיך גענוציקט אין א באגרענעצטן אָפּזאץ־מארק. אָבער אויף ווײַפל עס וואקסן די עקאָנאָמישע כוחות פון די נאַציאָנאַלע בורזשואזיעס, סיי פון די הערשנדיקע, סיי פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זענען גרופּירט אויף איין טעריטאָריע, ווערט די פראגע פון דער קאָנקורענץ פארשארפט. די אָנוועזנהייט פון אזא געניטן קאָנקורענט ווי די יידישע בורזשואזיע, ווירקט נישט בלויז שטערנדיק, אָבער זי שעדיקט אפילו די פארדינסט־גיריקייט פון די הערשנדיקע בורזשואַ־

זיעס. און דעמלט פאַרשאַרפט זיך דער קאַמף קעגן דער קאָנקורענץ פון דער יידישער בורזשואזיע, אזוי ווי עס פאַרשאַרפט זיך דער קאַמף קעגן די בורזשואזיעס פון אלע אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, די הערשנדיקע בורזשואזיע שטעלט אין קאָן איך גאַנצע מאכט נישט נאָר די עקאָנאָמישע, אָבער אויך די פּאָליטישע, כדי צו געווינען דעם דאָזיקן קאַמף.

דער מלוכה־אַפּאַראַט, אויסגעבילדעט אינעם גייסט פון דינען די אינטע־רעסן פון דער אונטערדריקערישער בורזשואזיע האַלט זיך נישט אָפּ פון קיין שום מעטאָדע כדי צו דינען דעם פאַרדינסט גיריקן בעל־הבית. עס הייבט אָן א סיסטעמאַטישע רדיפה קעגן דער בורזשואזיע פון די נאַציאָנאַליטעטן וואָס פירט צו א ריי רעסטריקציע־מאָסמיטלען וואָס טרעפן קודם־כל נישט די בורזשואזיע וואָס קען אונטערקויפן דעם מלוכה־אַפּאַראַט, נאָר די פאָלקס־מאַסן, וואָס קענען זיך נישט פאַרטיידיקן און ווערן גרויזאַם עקספּלואַטירט, די יידישע מאַסן, האָבן טאַקע זייער געליטן פון דער אונטערדריקונג פונעם צאַריסטישן אבסאָלוטיזם, און זענען געווען דער ציל פון שטענדיקע רדיפות.

„די בורזשואזיע פון דער הערשנדיקער נאַציע, די קליינע אָדער די גרויסע אָן שום חילוק—באַקומט די מעגלעכקייט גיכער און זיכערער, פּאַרטיק צו ווערן מיט איר קאָנקורענט. „די כוחות" פאַרייניקן זיך און הייבן אָן אָנצווענדן א גאַנצע ריי רעסטריקציע־מאָסמיטלען, קעגן דער בורזשואזיע פון אן אנדערער נאַציאָנאַליטעט, מאָסמיטלען וואָס נעמען אָן א כאַראַקטער פון רעפּרעסיע. דער קאַמף גייט אַריבער פון דער עקאָנאָמישער ספערע אין דער פּאָליטישער. דאָס באַגרענעצן פונעם רעכט זיך איבערצוציען פון איין אָרט אויפן צווייטן, רעסטריקציעס אין באַנוצן די שפּראַך, באַגרענעצן די וואַלרעכט, רעדוצירונג פון דער צאָל שולן, רעסטריקציעס באַם אויספירן די רעליגיע א. א. פאַלן אָן א שיעור אויפן קאָפּ פונעם קאָנקורענט". (י. סטאַלין — ווערק, זייט 321).

קעגן דער קאָנקורענץ, און קעגן די מאָסמיטלען פון דער בורזשואזיע צו ליקווידירן די דאָזיקע קאָנקורענץ, אַפּעלירט די בורזשואזיע וואָס איז געטראָפן, צו די פאָלקס־מאַסן, וואָס זענען אין דער ערשטער ריי דער ציל פון די דאָזיקע ווילדע אָנגריפן. אזוי הייבט אָן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג מצד דער בורזשואזיע וואָס וויל זיך פאַרזיכערן איר אייגענעם מאַרק, אָן דער אונטערדריקונג מצד דער הערשנדיקער בורזשואזיע. די דאָזיקע זאַך קענען זיך דערלויבן נאָר יענע בורזשואזיעס פון די נאַציאָנאַליטעטן וואָס זענען גרופּירט אויף איין טעריטאָריע.

ס'איז אָבער נישט דער פאַל מיט דער יידישער בורזשואזיע, וואָס איז צעשפּרייט אויף פאַרשידענע טעריטאָריעס, און איז אויך דער ציל פון די אָנ־גריפן פון א מעכטיקער קאָנקורענץ. אָבער, פונקט אזוי ווי יעדע בורזשואזיע נויטיקט זיך אויך די יידישע בורזשואזיע אין א מאַרק. — נישט געקוקט אויף די באַזונדערע היסטאָרישע באַדינגונגען אין וועלכע עס געפינט זיך די דאָזיקע בורזשואזיע קען זי נישט אויסמיידן די נויטווענדיקייט פונעם מאַרק. דעמולט נוצט זי אויס די רעסטריקציע־מאָס־מיטלען וואָס טרעפן די אונטערדריקטע

פּאָלקס־מאסן און וואָס לעבן שווער אונטערן קאַפּיטאַליסטישן יאָך, און פון דער אנדערער זייט, די מיסטיש־רעליגיעזע דערציונג וואָס דערהאַלט אין דער נשמה פון די יידן די דערינערונג וועגן „דעם צוגעזאָגטן לאַנד" זי הייבט אָן רעדן מיט ערנסטקייט און מיט א גרויסן רעש וועגן דעם אומקערן זיך קיין ציון, וועגן דער רעאַליזירונג פונעם „יידישן לאַנד" וועגן דער „יאָרהונדערטער אַלטער ליבע" פון די יידן פאר פּאַלעסטינע. די בורזשואזיע באהאַלט איר באַגער זיך צו שאַפן אן אייגענעם מארק אין מיסטישע און רעליגיעזע פּראזעס. אָבער זי האָט נישט געקאָנט קאַמופלירן דעם דאָזיקן באגער וואָס געפינט זיך אפילו אין דער „ביבל" פונעם נביא פון ציוניזם, און טעאָדאָר הערצלס בוך „יודענשטאַט" וויזט ארויס די אמתדיקע כוונה צוגלייך מיטן אָנהייב פון דער ארבעט (עס איז די רייד פון קאָלאָניזאציע) וועט אויפקומען אויך די נויט פון א מארק. „אין אָנהויב וועלן מיר קויפן אין די שכנותדיקע לענדער אָדער אין אייראָפּע. דערנאָך וועלן מיר געווינען אזוי גיך ווי מעגלעך די אומאָפּהענגיקייט. די יידישע אונטערנעמער (עס איז די רייד וועגן די יידישע קאַפּיטאַליסטן) וועלן באַלד איינזען די האָריזאָנטן וואָס עפענען זיך פאר זיי. („יודענשטאַט" ז' 53—54).

און ווייטער: די רייכע יידן, וואָס מוזן אצונד באהאַלטן מיט מורא זייערע פאַרמעגנס, וועלן קענען געניסן פונעם לעבן אין זייער ניי היימלאַנד אין פולער פרייהייט (ווערק זייט 55).

אָט דאָס זענען געווען די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואזיע פּטור צו ווערן פון קאָנקורענץ, זיך מאכן אן אייגענעם מארק, ברענגען אין זיכערקייט דאָס פאַרמעגן. דאָס זענען געווען די ארויסגעזאָגטע און ניטאַרויסגעזאָגטע צילן פון די יידישע קאַפּיטאַליסטן, פון די גרויסע סוחרים און באנקירן, וואָס זענען געווען באַדראָט פון דער קאָנקורענץ און האָבן מורא געהאַט פאר איר.

זיי האָבן געוואָלט שאַפן אן „אייגענע" מלוכה, וואָס איז אזוי ווי מארקס באַהויפּטעט, א פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט פון די קאַפּיטאַליסטישע געשעפטן.

כאָטש מיר וועלן פאַרשווערן דאָס לייענען פונעם בוך, מוזן מיר געבן א ריי ציטאַטן, וואָס זאָלן באווייזן דעם דאָזיקן כאראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אן אנדערער „טעאָרעטיקער" פונעם יידישן נאַציאָנאַליזם, פינסקער, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פון די ציוניסטן כאָטש ער איז נישט געווען קיין ציוניסט, לויט עס פאַרזיכערט אונדז זיין איבערזעצער אין רומענישער שפּראַך, הער י. הספרדי, ווייל ס'איז אויפפאלנד די אנאַלאָגיע צווישן דעם דאָזיקן פּלאַן (פאָרגעלייגט פון פינסקער — א. נ.) און די שפּעטערדיקע אנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג נאָכן קאָנגרעס פון באַזל „שרייבט אין זיין בוך „אויטאָעמאַנציפּאַציע":

„פאר דער דורכפירונג פון דער קאָלאָניזאציע, איז נויטיק צו שאַפן א דירעקטאָריע, וועלכער איינעם מיט א פאַריין פון קאַפּיטאַליסטן, וועט שפּע־

טער גרינדן אַן אקציע־געזעלשאַפט און וועט קויפן אַן ערד־שטח אויף וועלכן מען וועט קענען קאָלאָניזירן מיט דער צייט עטלעכע מיליאָנען יידן.

אונדזער נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט מוז אָנגעפירט ווערן פון א קאָנגרעס פון יידישע פּערזענלעכקייטן (דאָס הייסט גרויסע באַנקירן און אינדוסטריעלע א. נ.).

דער פאַקט וואָס א טייל פון דער יידישער ארבעטנדיקער און אָרעמער באַפעלקערונג איז צוגעשטאַנען צו דער בורזשואַזיע איז געשען דורך דעם וווּקס פון דער כוואַליע פון אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן געהאַט אַלס סיבה, די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ צווישן פאַרשידענע בורזשואַזיעס און דער יידישער בורזשואַזיע. אַן אַנדערע סיבה פונעם וווּקס פונעם אַנטיסעמיטיזם, ליגט אינעם פאַקט, וואָס די אימפּעריאַליסטן האָבן געוואָלט באַרעכטיקן זייער קאָלאָניאַלע עקספּאַנסיע און זייער הערשאַפט איבער די האַלב־קאָלאָניעס, דורך פאַרשידענע „טעאָריעס" איבער די ראַסן, וואָס זיי פלעגן באַטראַכטן אַלס צעטיילטע אין צוויי קאַטעגאָריעס: די העכערע און די נידעריקערע און האָבן באַנוצט צו דעם צוועק די „טעאָריעס" פון ניטשע, גאָבינאָ און טשעמבערלען, פילאָזאָפן וואָס האָבן געלעבט אין די סאַמע מעכטיקסטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות: דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. דער אַלאַרם וואָס די יידישע באַנקירן און סוחרים האָבן געמאַכט, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביים קליינעם יידישן בעל־מלאכה, ביים יידישן ארבעטער, ביים יידישן קליינעם סוחר, וואָס האָבן געפילט די שאַרפקייט פון די פאַרפאָלגונגען און פון דער אַנטיסעמיטישער דיווערסיע. די דאָזיקע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס זענען געווען די קרבנות פון די פּאָגראָמען. די נאַציאָנאַליסטישע פראַזעס פון דער יידישער בורזשואַזיע, איז געלונגען אַריינצוכאַפּן א טייל פון די צוריקגעשטאַנענע יידישע מאַסן, וואָס האָבן געזען אין דער מיסטישער פראַזעאָלאָגיע איבער „ציון" און פון דער „צוגעזאָגטער ערד" א באַרוויַנדיקן באַלזאַם פאַר די ווייטיקן וואָס זיי האָבן געפילט אויף דער אייגענער הויט.

דאָ קומט אונטער די ראָלע פונעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט באַנוצט אַלס א שטיצע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און נישט אַלס זיין אורזאַך. הערצל אַליין באַשטעטיקט אונדז אויך דאָס. ער שרייבט:

מען וועט כמעט נישט דאַרפן קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען כדי צו פאַרשטאַרקן די באַוועגונג (ס'איז די רייד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון עמיגראַציע א.נ.) דאָס דאָזיקע התחיבות נעמען אויף זיך די אַנטיסעמיטן. זיי באַדאַרפן נאָר ווייטער פירן זייערע איצטיקע אַגיטאַציעס כדי עס זאָל זיך פאַרשטאַרקן דער חשק פון דער יידישער עמיגראַציע, דאָרט ווו ער האָט אָנגעהויבן שפּראָצן. (די יידישע מלוכה זייט 78—79).

אצינד שטעלט זיך די פראַגע צי די ציוניסטישע באַוועגונג, אַלס אַן אויסדרוק פון דער יידישער בורזשואַזיע אויף צו שאַפן זיך א מאַרק, וואָלט געקענט האָבן א ריכטיקן, דעמאָקראַטישן און פּראָגרעסיסטישן כאַראַקטער. מיר

מוזן ענטפערן אז ניין. קודם-כל, ווייל דער מארקסיזם-לעניניזם לערנט אונדז אז יעדע נאציאָנאלע באוועגונג פארדעקט אין תוך די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע און אז זי קען ווערן אונטערשטיצט פונעם פּראָלעטאריאַט נאָר אין דער מאָס, אויף וויפל דער דאָזיקער קען זיך פארטיידיקן זיינע רעכט אויף פרייער אנטוויקלונג, פאנאנדער וויקלענדיק זיין אייגענע קאמף־פאָן, אומאָפּהענגיק פון דער פאָן פון דער בורזשואזיע.

צווייטנס, יעדע נאציאָנאלע באוועגונג מוז באטראכט ווערן אין באציונג צו די באדינגונגען אונטער וועלכע זי איז אויפגעקומען און אין וועלכע זי אנטוויקלט זיך. י. וו. סטאלין זאָגט אין זיין ארבעט „דער מארקסיזם און די נאציאָנאלע פראגע" אז אויב ס'איז דאָ א פּראָבלעם, וועלכע דארף אוועקגעשטעלט ווערן דיאלעקטיש איז עס גראָד די דאָזיקע, די נאציאָנאלע פראגע (ווערק, 2־טער באנד, פארלאג ר. א. פ. זייט 330). באהאנדלען דיאלעקטיש א פּראָבלעם, הייסט מאקע, נעמען אין באטראכט גראָד די פארשידענע באדינגונגען פון יעדער נאציאָנאלער באוועגונג*.

די אינטערעסן פון די יידישע ארבעטער, פון די ברייטע מאסן פון דער דאָזיקער באפעלקערונג, קענען נישט געלייזט ווערן דורך זייער אָפּרייסן פון דער געמיינזאמער באוועגונג פונעם אָרטיקן פּראָלעטאריאַט, כדי אריינצופאלן אינעם רשות פון דער יידישער בורזשואזיע אין אן „אייגן" לאנד. די דערפארונג פון דער מלוכה ישראל, איבער וועלכער מיר וועלן שפּעטער רעדן, באווייזט עס אויך. זיי מוזן קעמפן אינאיינעם מיט אלע פּראָלעטאריער פאר דער דעמאָקראטיזירונג פונעם לאנד וווּ זיי לעבן, פאר דער פארזיכערונג פון א פולער גלייכקייט פון די וואָס ארבעטן אָן אונטערשייד פון נאציאָנאליטעט. דערמיט איז פארבינען אויך די אומעגלעכקייט אָנצווועדן דאָס רעכט פון זעלבסט־באשטימונג פון די יידן אין די באדינגונגען פונעם קאפּיטאליזם. זייער צעבּרעקלטקייט, דער מאנגל, פון א טעריטאָריע, פון א געמיינזאַם עקאָנאָמיש לעבן, פון א געמיינזאמער שפּראך — די גרויסע מערהייט פון די יידן רעדן די שפּראך פון דער באפעלקערונג צווישן וועלכער זיי לעבן, אדאנק די טויש־באציונגען צווישן זיי און דער באפעלקערונג וואָס איז אין מערהייט — דאָס פעלן פון א געמיינזאמער קולטור, מאכן אז די יידן זאָלן נישט זיין קיין נאציע. די פּרעטענזיע פון די ציוניסטן צו שאפן א נייע יידישע נאציע אין די באדינגונגען פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט דורך א טעריטאָריעלער קאָנצענטרירונג אין פּאלעסטינע, איז גענצלעך קעגן דעם קלאסן־קאמף און קען נישט באטראכט ווערן ווי אן אויפגאבע פון דער ארבעטער־באוועגונג.

סטאלין האָט באקעמפט די דאָזיקע פּרעטענזיע פון אייניקע סאָציאל־דעמאָקראטן צו „שאפן" נאציעס.

*) צוליב א ברייטערער דערקלערונג פון די דאָזיקע אידייען — וואָס דער באגרענעצטער פארנעם פון דער בראָשור דערלויבט אונדז נישט — רעקאָמאנדירן מיר די ארבעט פון י. וו. סטאלין „דער מארקסיזם און די נאציאָנאלע פראגע" אויף וועלכער מיר בארופן זיך אזוי אָפט אין אונדזער בראָשור.

„פון ווען האָבן אָנגעהויבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיך צו באַשעפטיקן מיט אָרגאַניזירן" נאַציעס, מיט „גרינגדן" נאַציעס מיט „שאַפן" נאַציעס"?

...אָט די זאַך טון, הייסט פאַרלאָזן די קלאַסן־פּאָזיציע, זיך לאָזן אויפן וועג פון נאַציאָנאַליזם" (ווערק זייט 345—346).

די דאָזיקע אָפּשאַצונג סטאַלינס באַווייזט זיך אַלס אומצעשטערבאַר אויך אינעם אַנאַליז פונעם ציוניזם, ווייל די אַזוי גערופענע ציוניסטישע לינקע באַוועגונג איז געגאַנגען אַריבער אינעם רשות פון די נאַציאָנאַליסטישע בורזשויעס און האָט געגעבן פאַרלאָזט דעם קלאַסן־קאַמף, דעריבער וועלן מיר רעדן אַביסל ווייטער.

די קאָנקלוזיע איז, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין היסטאָרישע און עקאָנאָמישע באַרעכטיקונג פאַר די יידישע מענטשן.

II. דער ציוניסטישער נאַציאָנאַליזם לייזט נישט די פראַגע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

עס איז קלאָר אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע, פונקט ווי דער קאַמף פאַר דער דערלייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע, איז פאַרבונדן מיט דער געבורט, מיט דער אַנטוויקלונג און ליקווידירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

די פאָרם אין וועלכער זי דערשיינט היינט, און דער וועג זי צו דערלייזן וואָס עס האָט געעפנט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, קומען אַרויס פון דער עקזיסטענץ פונעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון די וואָס אַרבעטן.

פאַר די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן איז די „יידישע פראַגע" איינע און די זעלבע פאַר דער בורזשואַזיע פונקט ווי פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן און זי עקזיסטירט, לויט זיי, נישט אַדאַנק דעם קלאַסן־קאַמף און דורך דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, נאָר דורך דעם וואָס די יידן זענען צעשפּרייט אויף דער וועלט.

דער פאַקט — זאָגן די ציוניסטן — וואָס די יידן האָבן געלעבט 2000 יאָר אין פאַרשידענע ווינקלען פונעם ערד־קיילעך, האָט אַרויסגערופן „די יידישע פראַגע" און נישט די אונטערדריקונג פון די נאַציאָנאַליטעטן. פון דאַנען ציען די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן די קאָנקלוזיע, אַז די לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע קען קומען נאָר אויף אַן אייגענעם ספּעציפישן וועג, וואָס קומט כלומרשט פון דער ספּעציפישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געשיכטע.

די ציוניסטן באַהויפּטן אַז די דערלייזונג פון די פראַגעס פון די יידישע מאַסן קען קומען דורך זייער איזאָלירונג פונעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זיי באַהויפּטן אַז די יידן האָבן אויפגעהאַלטן זייערע

נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיקעס מחוץ יעדן איינפלוס און דערפאַר וועלן זיי גרינג קענען גרופירט ווערן אויף אַ טעריטאָריע.

דאָס יידישע פאָלק איז אַן אויסערגעוויינלעך פאָלק און שפּאַנט זייט עטלעכע טויזנט יאָר צווישן די פעלקער ווי אַ ספינקס. (זרובבל — „די יידישע מלוכה און דאָס יידישע פאָלק". צייטשריפט „גאָלדענע קייט" תל־אביב). דאָ האָבן מיר אַן אַזוי גערופענעם סאָציאַליסטישן ציוניסט — אַן אָנפירער פונעם מפ"ם — וואָס לאָזט זיך אויפן וועג פון ראַסיזם און פאַרלייקנט מיט אומפאַרשעמטקייט די ווירקלעכקייט. מען ווייסט דאָך אַז אין די בורזשואַזע לענדער, וואָס זענען געווען פאַרגעשריטן פונעם אינדוסטריעלן שטאַנדפּונקט ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע און אפילו דייטשלאַנד, זענען די יידן טיף איינגעדרונגען אינעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון די לענדער, זיך איינאַייגענענדיק אַסך פון די מנהגים און כאַראַקטעריסטיקעס פון די פעלקער ווו זיי לעבן. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אויף אַזויפיל שטאַרקער אין די רייען פון דער יידישער בורזשואַזיע. אפילו אינעם צאַריסטישן רוסלאַנד, זענען די באַציונגען מיט דער באַפעלקערונג צווישן וועלכער די יידן האָבן געלעבט, געווען זייער ענגע. די ליטעראַטור וואָס איז דאָרט געבוירן, די גרויסע שרייבער שלום־עליכם, מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, האָבן באַוויזן די דאָזיקע פאַקטן.

דורך אַ בולטער פעלשונג פון דער ווירקלעכקייט ווילן די ציוניסטן איזאָלירן די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג און זי ברענגען אינעם רשות פון דער יידישער בורזשואַזיע כדי זיי זאָלן זי אַזוי קענען עקספּלואַטירן.

איינער פון די דאָזיקע פאַרדאַרבענע נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגן איז דער סטאַטיסטיקער יעקב לעשטשינסקי, וואָס זאָגט אין זיין בוך „די יידישע וואַנדערונג" אַז די געטאָס פולן אויס, דער עיקר אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק אַ ראָלע פון אַ נאַציאָנאַלן שומר. (זייט 11—12. פאַרלאַג החלוץ. 1946). די דאָזיקע באַמיונג צו איזאָלירן די יידישע מאַסן, האָט מען געזען אויך אין דעם פּרווו וואָס אייניקע יידישע קרייזן האָבן געמאַכט, בעת דער דייטשער באַזעצונג פון פוילן, כדי אָפּצושטעלן די פּאַנאַנדערוויקלונג פונעם אויפשטאַנד פונעם געטאָ. די דאָזיקע וואונדערבאַרע העלדן־טאַט פון די אַרבעטס־מענטשן וואָס זענען געווען אונטערדריקט פונעם היטלעריזם. אייניקע יידישע נאַציאָנאַליסטישער אָנפירער פונעם געטאָ, האָבן זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין דער אָרגאַניזירונג פונעם אויפשטאַנד, ווייל זיי וואָלטן געדאַרפט צוזאַמענאַרבעטן מיט די קרייזן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, אויך מיט נישט יידישע, און דאָס וואָלט געווען דערפירט צום פאַרלוסט פונעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס איז זיי געווען טייערער, די יידישע נאַציאָנאַליסטן, ווי די פאַרטיידיקונג קעגן דעם פאַשיזם.

די דאָזיקע טעזע איז זייער באַליבט אויך בא נחום גאָלדמאַן, דער פּרעזידענט פונעם יידישן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס. אין ראַמען פון דער זיצונג פון מאָנטרעע פונעם דאָזיקן קאָנגרעס, אין יוני 1948, האָט ער געמוזט אָנערקענען

דעם אומצווייפלהאפטן ווערט פון די דערגרייכונגען פאר דער יידישער ארבעטנ־דיקער באפעלקערונג אין די פאלקס־דעמאקראטישע לענדער, דערגרייכונגען וואס האבן געפירט צו דער ליקווידירונג פון דער אונטערדריקונג און צו דער פולער גלייכבארעכטיקונג פון די יידישע מאסן, דאס וואס ס׳איז קיינמאל נישט פארגע־קומען אין די דאזיקע לענדער, וועמענס רעגירונגען — אין דער מערהייט — זענען געווען בארימט אלס ארגאניזאטארן פון פאגראמען. נאר איין „וויטיק״ האט געהאט אונדזער ציוניסט. אז די יידן באטייליקן זיך אין דער באוועגונג פון דער אלגעמיינער באפרייונג, אז קעמפנדיק פאר זייער באפרייונג, העלפן זיי אויך צו דער באפרייונג פון אלע די וואס ארבעטן, פון דער קאפיטאליסטישער שקלאפעריי.

די נאציאנאליסטישע ציוניסטן פירט נישט דער ווונטש צו באפרייען די יידישע מאסן פון אונטערדריקונג, נאר דער ווונטש זיי צו האלטן איזאלירט.

דער ציוניזם איז נישט דער פארטיידיקער פון די נאציאנאלע אינטערעסן פון די יידישע ארבעטס־מענטשן ווייל, אינעם פעריאד פון דער פארשארפונג פו־נעם קלאסן־קאמף, אינעם קאמף־פעריאד צווישן דעם דעמאקראטישן און אנטי־אימפעריאליסטישן לאגער מיטן לאגער פון די שווארצע כוחות פון דער מלחמה־העצערישער אימפעריאליסטישער רעאקציע, ווען דער סאציאליזם געווינט אלץ מער פלאץ אינעם לעבן פון די פעלקער, טרעפן זיך צוזאמען די נאציאנאלע אינ־טערעסן ריכטיק פארשטאנען, מיט די קאמף־אינטערעסן פונעם ארבעטער־קלאס פארן סאציאליזם. בויענדיק דעם סאציאליזם, באפרייענדיק דעם פראלעטאריאט פון עקספלואטאציע, באפרייט זיך דאס גאנצע פאלק. די ציוניסטישע נאציא־נאליסטן זענען טעארעטיש און פראקטיש, קעגן דער לייזונג פון דער פראגע פון די יידישע מאסן, דורך סאציאליזם, דורך קאמף פארן אלגעמיינעם פארשריט.

מיר וועלן זען עטלעכע באהויפטונגען פון די ציוניסטישע נאציאנאליסטן.

אט, למשל, „דער טעארעטיקער״ פונעם מפא״י — רעכטע סאציאלדעמא־קראטישע פאטיי — פ. לוביאניקער, וואס זאגט אונדז: „די ציוניסטישע ראלע, שטייט פאר אונדז אין דער נאענטער עפאכע ווי א גענצלעכע ראלע, בעת די סא־ציאליסטישע ראלע, שטייט פאר אונדז ווי א פריוואטער טיילווייז.״ (אונדזער אונטערשטרייכונג: י.ב.(„אונדזער סאציאליזם״).

„די יידישע פראגע וועט בילדן... א סאציאלן קאנפליקט אויך אין א סא־ציאליסטישן רעזשים״ (י. זשאק. — „די לייזונג פון אונדזער פראגע״ פארלאג החלוץ 1944).

און אינעם בוך וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פון דער אזוי גערופענער מארקסיסטישער גרופירונג (מיר האבן נישט דעם מוט, „צו זאגן אויך „לעני־ניסטיש״ אזוי ווי עס זאגט דער אנפירער.) „השומר הצעיר״ א בוך מיטן טיטל „טיפע בראזדעס״ שריבט מען אין פארבינדונג מיט דער לייזונג פון דער יידי־שער פראגע דורכן סאציאליזם „ עס איז צום ערשטן מאל אין אונדזער געשיכטע ווען מען רעדט אונדז וועגן א נייער געזעלשאפט ארדנונג וואס וועט פארבע־

פֿערן אויף אַן אויטאָמאַטישן אופֿן אונדזערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען? מען האָט אונדז אַזוי געזאָגט אויך נאָך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע". דער אויטאָר פֿונעם דאָזיקן בוך, הער א. בן שלום, ווייסט נישט גענוי וואָס איז אַזוינס מאַרקסיזם־לעניניזם, דער אויטאָר פֿון דעם דאָזיקן בוך, וואָלטן מיר אַפֿילו קאַטעגאָריש באַהויפּטעט, האָט נישט קיין אַנונג וועגן דעם. אַנדערש וואָלט ער נישט געגליכן די גרויסע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס האָט גענצלעך און אינטגילטיק ליקווידירט די עקספּלואַטאַציע, צו דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט פֿאַרביטן איין קלאַס פֿון עקספּלואַטאַטאָרן מיט אַ צווייטן.

פֿונעם פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, זעט מען אין ישׂראל די רעזולטאַטן פֿונעם נאַציאָנאַליסטישן פּרווו צו לייזן די יידישע פֿראַגע, ווי דאָס איבערפּלאַנצן פֿון אַ טייל יידן האָט בלויז פֿאַרשטאַרקט די אונטערדריקונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסן מצד דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס איז אַריבער אינעם לאַגער פֿונעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, מיט וועמענס הילף זי עקספּלואַטירט בלוטיק די יידישע אַרבעטס־מענטשן. ווי מיר זעען באַטייט די אַזוי־גערופֿענע נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג, וואָס די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן פּלאַטערן, פּרעדיקנדיק די קאָנצענטרירונג אין ישׂראל, נישט מער ווי אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע.

די האַלטונג פֿון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן לגבי די יידישע מאַסן איז אויף אַזויפֿיל פֿיינטלעכער אויף וויפֿל זיי ווילן אַריינוואַרפֿן אין די אָרעמס פֿונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט די איינציקע „מעלה" וואָס ער איז „יידיש" ווי אויך אין די אָרעמס פֿונעם מלחמה־העצערישן ענגלישן און אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, יענעם טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג וועלכער לעבנדיק אין די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער באַפֿרייט זיך גענצלעך פֿון דער עקספּלואַטאַציע, באַקומענדיק אין דער זעלבער צייט די מעגלעכקייט זיך נאַציאָנאַל צו אַנטוויקלען דורכן פֿאַרזיכערן די פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג.

אָבער דאָס בילד פֿון קאָנסעקווענץ פֿון דער דאָזיקער נאַציאָנאַליסטישער „טעאָריע" בנוגע די יידישע פֿראַגע, וואָלט נישט געווען פֿולקומען ווען מיר וואָלטן נישט גערעדט אויך איבער אַ זייער כאַראַקטעריסטישן אַספּעקט, גענויער, איבער דער פֿאַרבינדונג צווישן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און דעם נאַציאָנאַליזם פֿון אַנדערע בורזשואַזיעס — אַפֿילו מיטן דייטשן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

מיר ברענגען דאָ אַ ביישפּיל וווהין עס קען פֿירן די נאַציאָנאַליסטישע פֿאַרבלינדקייט. אין 1941 האָט מען אָפּגעהאַלטן אין פֿראַנקפֿורט אויפֿן מיין, אין דייטשלאַנד, אַ קאָנגרעס פֿונעם „אינסטיטוט פֿאַר אויספֿאָרשן די יידישע פֿראַגע, אַן אינסטיטוט געגרינדעט פֿון אַלפֿרעד ראָזענבערג, פֿאַר זיינע ראַסיסטישע פֿאָרשונגען.

אָט וואָס מיר לייענען אין אַ ציוניסטישער בראָשור וואָס איז דערשינען אין רומעניע צו יענער צייט „זייט עטלעכע וואָכן ווענדן זיך די בליקן פֿון די

יידן פון אייראָפּע, פול דערוואַרטונג צו דער שטאָט פראַנקפורט אויפן מיין. דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט הער דר. ווילהעלם גראַו, האָט אָנגעוויזן אין זיין דערעפנונגסרעדע, צווישן אַנדערע, אַז עס הייבט אָן אַ נייע דערלייזונג פון דער יידישער פראַגע אויף גאַנץ נייע פּרינציפּן אויף וועלכע עס וועט זיך באַזירן די אַנטגילטיקע דערלייזונג פון דער יידישער פראַגע אין אייראָפּע...

אַלפרעד ראָזענבערג, רייכסלייטער און אידעאָלאָג פון דער דייטשער נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט גאַנץ קלאָר פּרעציזירט אַז די יידישע פראַגע אין אייראָפּע וועט נאָר דעמלט געלייזט־ווערן, ווען דער לעצטער ייד וועט פאַרלאָזן דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט....

אונדז יידן איז נישט גלייכגילטיק. עס וואָלט גוט געווען, פון אַלע שטאַנד־פּונקטן (דאָס הייסט אויך פונעם שטאַנדפּונקט פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַ־ליסטן, געננוי ווי פון די היטלעריסטישע פּאָגראָמען — א.נ.) אַז דאָס זאָל געשען „בליץ־אַרטיק" — אַ בליץ־לייזונג. דערפאַר, שטעלנדיק דאָס פּינטעלע אויפן „י" קענען מיר וואַרטן מיט צוטרוי (אונדזער אונטערשטרייכונג י. ב.) אויף די פאָרשונגען פונעם „אינסטיטוט פאַר אויספאָרשן די יידישע פראַגע."

דער דאָזיקער לאַנגער ציטאַט, וואָס מיר האָבן זיך דערלויבט צו ברענגען, באַווייזט, אַז די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן האָבן באַגריסט מיט „צוטרוי" אפילו די טאַטן פון די היטלעריסטישע באַנדיטן, די דאָזיקע תּלינים פון דער מענטש־הייט, וואָס האָבן שוין אין 1941 גענוג באַוויזן וואָס זיי קענען, אַזוי אַז מען האָט שוין געקענט זען וואָר זיי זענען, ווייל דאָס איז נוצלעך געווען פאַר זייער צוועק פון אונטעריאָכן די מאַסן.

דער ציטאַט איז פון דער בראָשור, „יידישע אינטערעסן" אַרויסגעגעבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון רומעניע. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקו־מען דעם 26־טן מערץ 1941, אַ קורצע צייט פאַרן היטלעריסטישן איבערפאַל קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען די היטלעריסטישע מעטאָדן — וואָס האָבן נישט געפירט צו דער אַרויסשיקונג פון די יידן פון אייראָפּע, נאָר צו דער אויס־ראָטונג פון זייער גרעסטער מערהייט, אַלס אַן „אַנטגילטיקע דערלייזונג" פון דער יידישער פראַגע — זענען שוין געווען באַקאַנט נאָך 8 יאָר נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד.

מיר ווילן אויך געבן אַן „אויטאָריזירטע" מיינונג פונעם לעגיאָנאַר יאָן סין דזשורדזשיו איבערן ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם. אין אַן אַרטיקל וואָס איז דערשינען דעם 21־טן יוני 1941, רעדנדיק איבער די ציוניסטן האָט ער געזאָגט „זיי קענען זיכער זיין אַז די נאַציאָנאַליסטן פון איבעראַל וועלן אונטערשטיצן מיט אַנטשלאָסנקייט די דאָזיקע באַפרייונג פונעם יודאיזם פון זיינע אייגענע טויזנטיעריקע עבירות... („קעמאַרעא וורעמיי").

כדי נאָך מער צו דעמאַסקירן די דאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס, זאָלן מיר זען אויף קורץ ווי אַזוי עס שטעלן און לייזן די מאַרקסיסטן די נאַ־

ציאָנאַלע פראַגע, צו וועלכער עס געהערט אויך די פראַגע פון די יידישע אַר־בעטנדיקע מאַסן.

די אַנטוויקלונג פונעם מאַרקסיזם אין די באַדינגונגען פונעם אימפּעריאַ־ליזם, דורך לענין און סטאַלין, די רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק פונעם רוסישן פּראָ־לעטאַריאַט ביז צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווי אויך די דערפאָלגן אינעם בוי פונעם סאָציאַליזם וואָס עס האָט דערגרייכט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָכן זיג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, האָבן באַוויזן אַז דאָס וויכ־טיקסטע פאַרן פּראָלעטאַריאַט איז איבערצונעמען די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, אינסטאַלירן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, כדי אויף דעם אופן צו דער־גרייכן אַ בעסערע געזעלשאַפט, די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

דאָס איז די גרינט־פּראַגע פון וועלכער עס הענגט אָפּ אויך די דערלייזונג פון אַנדערע פּראַגן, צווישן וועלכע אויך די נאַציאָנאַלע פּראַגע.

לענין און סטאַלין האָבן באַוויזן אַז מען קען די נאַציאָנאַלע פּראַגע נישט באַטראַכטן איזאָלירט, אָפּגעריסן פונעם הויפּט־פּראָבלעם פון דער פּראָלעטאַ־רישער רעוואָלוציע, פון דעם ליקווידירן די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, אָבער גלייכצייטיק איז די ליקווידירונג פון דער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג נישט גענצלעך, אויב עס וועט נישט ווערן ליקווידירט אויך די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג.

„די נאַציאָנאַלע פּראַגע — לערנט אונדז י. וו. סטאַלין — איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פּראַגע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַ טייל פון דער פּראַגע פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.״

ווי מיר זעען איז די „לייזונג״ וואָס די ציוניסטן געבן אין ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, נישט דורכצופירן.

די רעזולטאַטן וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דערגרייכט, בנוגע דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראַגע און דער לייזונג פון דער פּראַגע פון די יידישע מאַסן, האָבן באַוויזן אַז דער איינציקער וועג וואָס מען מוז גיין איז די פאַרברידערונג פון אַלע די וואָס אַרבעטן אינעם קאַמף פאַר אַ ניי לעבן און נישט די צעדרויבלונג און איזאָלירונג פון די אַרבעטער - מאַסן לויט די נאַציאָנאַליטעטן.

די פאַרברידערונג צווישן די סאָוועטישע פעלקער פון דער פילנאַציאָנאַ־לער סאָציאַליסטישער מלוכה, האָט געפירט צו דער קאָנסאָלידירונג פון זייער היימלאַנד און צום וווקס פונעם פּרעסטיזש פונעם לאַנד פונעם סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט. זי איז דער מאָביליזאַטאָרישער פאַקטאָר וואָס פירט אָן די סאָוועטישע מענטשן כדי צו דערגרייכן אַלץ גרעסערע דערפאָלגן און איז אַן אָנרעגונג צום קאַמף פאַר אַלע די וואָס לעבן אונטערן יאָך פון עקספּלואַטאַציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

„פריער״ איז מען געווען געוווינט, צו גלייבן, — זאָגט י. וו. סטאַלין — אַז דער איינציקער מעטאָד אויף צו באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער, איז

דער מעטאָד פונעם בורזשואזן נאַציאָנאַליזם, דער מעטאָד פון צעטיילן איין נאַציע פון דער אנדערער, דער מעטאָד צו פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע שנאה צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פאַרשידענע נאַציעס, אַצונד מוז מען באַטראַכטן די דאָזיקע לעגענדע פאַר אָפּגעשאַפט." און ווייטער:

„איינער פון די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, באַשטייט אינעם פאַקט וואָס זי האָט געגעבן דער דאָזיקער לעגענדע אַ טויט־קלאַפּ, באַווייזנדיק פּראַקטיש אַז דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליסטישער מעטאָד פון באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער איז מעגלעך און ראַציאָנאַל אַלס דער איינציק ריכטיקער מעטאָד...

געלייטעט פון דעם דאָזיקן סטאַליניסטישן פּרינציפּ אין דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט דער גרויסער סאָוועטישער שרייבער, איליא ערנבורג, געקענט באַהויפּטן אין זיין אַרטיקל וואָס איז דערשינען אין דער „פּראַוודאַ" דעם 21־טן סעפּטעמבער 1948:

„איך האָב תמיד געהאַלטן און איך האַלט ווייטער, אַז די „יידישע פראַגע" קען איבעראַל געלייזט ווערן נאָר דורכן אַלגעמיינעם סאָציאַלן פּאָרשריט, פּאָלגלעך אויך דורכן גייסטיקן. זי קען נישט געלייזט ווערן פון אוטאָפּיסטן, אויך נישט פון דיפּלאָמאַטן, נאָר פון די אַרבעטס־מענטשן פון אַלע לענדער. איך באַוואונדער דעם מוט פון די קעמפער פון ישראל, אָבער איך ווייס אַז די לייזונג פון „דער יידישער פראַגע" הענגט נישט אָפּ פון די מיליטערישע דערפאָלגן אין פּאַלעסטינע, נאָר פונעם זיג פונעם סאָציאַליזם איבערן קאַפּיטאַליזם, פונעם זיג פון די הויכע אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן, וואָס זענען אייגן דעם אַרבעטער־קלאַס, איבערן נאַציאָנאַליזם, פאַשיזם און ראַסיזם... דער גורל פון אַלע יידישע אַרבעטס־מענטשן פון אַלע לענדער איז געבונען מיטן גורל פונעם פּראָגרעס, מיטן גורל פונעם סאָציאַליזם („אין פאַרבינדונג מיט אַ בריוו") די ווירקלעכקייט, נישט נאָר וואָס זי שטייט נישט אויף דער זייט פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן, אָבער זייער שטעלונג וואָס שייך די לייזונג פון דער יידישער פראַגע, איז ממש פיינטלעך, געפערלעך פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

דאָס וועלן מיר בעסער זען אינעם ווייטערדיקן קאַפּיטל, ווען מיר וועלן רעדן פון דער פאַרבינדונג צווישן דעם ציוניזם און דעם אימפּעריאַליזם.

III. דער אימפּעריאַליזם — אַלס אָנשפּאַר און אַליאַט פונעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם.

דער אַנטידעמאָקראַטישער, רעאַקציאָנערער כאַראַקטער פונעם ציוניזם, דערשיינט קלאָר אויך אין זיין שטעלונג לגבי דעם אימפּעריאַליזם.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די שטעלונג פונעם ציוניזם לגבי דעם אימפּעריאַליזם, ווי אויך די באַמיונגען פון די פּאָליטיקער וואָס פאַרטרעטן די מאָנאָפּאָליסטישע טרוסטן אין דער ריכטונג פון פאַרטיידיקן דעם ציוניזם, איז

גענוג צו זאָגן אז ער איז דערשינען גראָד בעת'ן אפּאָגיי פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער מאַכט אין די לענדער פון מערב אייראָפּע, ווען ס'האָט אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר דער ווידער פאַרטיילונג פון דער וועלט אין פאַרשידענע גרופּעס פון אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

דער ציוניזם האָט געדאַרפט דערפילן צוויי התחייבותן אין די רויב־פּלע־נער פון די אימפּעריאַליסטן :

1) פאַרברייטערן דעם עקספּלואַטאַציע־מאַרק פונעם אימפּעריאַליזם דורכן איינדרינגען אינעם נאָענטן מזרח.

2) ברעכן די קאַמף־אייניקייט פון די פאָלקס־מאַסן וואָס האָבן שווער גע־ליטן איבער דער פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

דערפאַר האָבן די ציוניסטישע אָנפירער געפונען אזוי פיל פאַרשטענ־דעניש באַם גרעסטן דעספּאָט פון דער דעמאָלטיקער אייראָפּע, באַם רוסישן צאַר

דער דאָזיקער אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָמען קעגן די יידישע ארבעטנדיקע מאַסן, דער אונטערשטיצער פון די „שווארצע מאות" האָט פאַרזיכערט די ציו־ניסטישע אָנפירער, ווענן זיין שטיצע. די דאָזיקע זענען אויפגענומען געוואָרן פון די מיניסטאָרן פונעם צאַר מיטן גאַנצן כבוד.

די צאַריסטישע מיניסטאָרן האָבן געזען אין זיי פאַרטרויונגס־מענער אויף דורכצופירן דעם דאָפּלטן צוועק פון וועלכן מיר האָבן פריער גערעדט.

דער מיניסטער פּלעווע איז געווען מסכים מיט דער עמיגראַציע פון א טייל יידן אונטער דער אָנפירונג פון די ציוניסטן, וואָס זענען געווען לעגאַל אינעם צאַריסטישן רוסלאַנד.

דעם 23 נאָוועמבער 1903, האָט די צאַריסטישע רעגירונג, דערקלערט אין אַן אָפיציעלן בריוו, אז זי איז גרייט צו אונטערשטיצן די ציוניסטישע פאָ־דערונגען.

אויך דער קייזער ווילהעלם פון דייטשלאַנד, איבער וועלכן מען קען נישט זאָגן גוטע זאַכן וואָס שייך די יידן האָט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט צוזאַמען צו ארבעטן מיט געוויסע יידן, מיט ציוניסטן. ער האָט אפילו געמאַכט א באַזוך אין פּאַלעסטינע, ווו ער איז געווען אנטציקט פון דעם וואָס ער האָט געזען. ער האָט געוואָלט אויסנוצן דאָס ציוניסטישע קאָלאָניזירונג־ווערק, אלס א פאָר־געשריטענער פּונקט אינעם נאָענטן מזרח, ווי ער האָט געזוכט איינצודרינגען, כדי צו פאַרזיכערן פאַרדינסטן פאַר די דייטשע מאָנאָפּאָלן וואָס זענען געווען אין סאַמע אויפשטייג, און גלייכצייטיק האָט ער געוואָלט זיך פאַרזיכערן א סטראַ־טעגישע באַזע אין א קומענדיקן אימפּעריאַליסטישן קריג.

די דאָזיקע זאַכן זענען פאָרגעקומען אין אָנהויב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ווען די עקספּאַנסיע־אַפּעטיטן האָבן זיך „דייטלעכער מאַניפעס־טירט באַ די צוויי „יונגע" פּאַרטנער צווישן די אימפּעריאַליסטישע מאַכטן : דייטשלאַנד און דאָס צאַריסטישע רוסלאַנד, וואָס זענען שפּעטער אריין און די

קאמפן פאר מערק, איבער דער נישטגלייכער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם און האבן דערפאר נישט געקענט זיך פארזיכערן מער ווי די רעשטן פונעם טיש ווי עס האבן זיך געהאט אנגעגעסן די פראנצויזישע, ענגלישע און אפילו די איטאליענישע אימפעריאליסטן. דערפאר האבן זיי געזען אינעם ציוניזם א ליכטשטראל אינעם נעפל פון זייערע פארכאפערישע פלענער".

בנוגע דער שפאלטונג פון דער קאמף־איינהייט פון די וואס ארבעטן, האבן די ציוניסטן געהאט זייער באשטימטע ראלע, זיי האבן געדארפט אפרייסן די יידישע פאלקס־מאסן פונעם קאמף פאר א בעסער לעבן, ווייל די דאזיקע מאסן זענען געווען, איבער די אונטערדריקערישע באדינגונגען אין וועלכע זיי האבן געלעבט, א טייל פונעם קאמף־פראנט פאר באפרייונג וואס האט געוואלט צעשמעטערן דעם אלוועלטלעכן פארקנעכטונגס־סיסטעם, דעם קאפיטאליזם.

נאך דעם וועלט־קריג פון 1914—1918 וואס האט געבראכט דעם זיג פון דער אנגלא־פראנקא־אמעריקאנישער אימפעריאליסטישער גרופע, האט ארויסגערופן די מפלה פונעם דייטשן אימפעריאליזם און האט ארויסגעשטעלט פונעם קאן דעם צאריסטישן אימפעריאליזם, האבן די ציוניסטישע אנפירער זיך אריענטירט אן צו קווענקלען, צו ענגלאנד. זיי האבן געלעגט זייערע האפנונגען אינעם „פערפידן אלביאן" און זיי זענען זיך נאר טיילווייז טועה געווען.

די באלפור־דעקלאראציע, וואס האט כלומרשט געוואלט געבן די יידן „א נאציאנאלע היים" איז געווען דער אנהויב פונעם איינדרינגען פון די ענגלענדער אין פאלעסטינע און אינעם נאענטן מזרח. די וויטערדיקע אנטוויקלונג פון די געשעענישן האבן באוויזן אז דער בריטאנישער מאנדאט האט געשאפן א לעגאלע באזע אויף צו פארזיכערן אן אפזאץ־מארק פארן בריטאנישן אימפעריאליזם. די ציוניסטן האבן טאקע פון אנהויב מסכים געווען דערמיט. זיי האבן נישט געגלייבט אז דער בריטאנישער אימפערעיאליזם וועט זיין אזוי גיריק און וועט צוימען די פארדינסט־אפעטיטן פון די יידישע קאפיטאליסטן און זיי צווינגען צו נעמען נאר די רעשטן פונעם ענגלישן ביפסטיק פון פאלעסטינע. די „אנטי־ענגלישע" פאליטיק, פון אייניקע קרייזן פון דער יידישער בורזשואזיע שטאמט פון דאנען. מיר רעדן נישט פונעם האס פון די פאלקס־מאסן קעגן דער ענגלישער אימפעריאליסטישער אונטערדריקונג, וואס איז א רעזולטאט פון דער בריטאנישער קאלאניאל־פאליטיק פון דער רעגירונג פון זיין מאיעסטעט, סיי א לאבוריסטישע, סיי א קאנסערוואטארישע אדער א ליבעראלע.

אז די ציוניסטישע יידישע בורזשואזיע האט מסכים געווען צו טיילן דעם רויב מיטן ענגלישן אימפעריאליזם, באווייזט אונדז נישט נאר די באגייסטערונג מיט וועלכער זי האט אויפגענומען די באלפור־דעקלאראציע אין 1917, אבער אויך פאלגנדיקע שורות וואס זענען דערשינען אין 1920 אין דער ציוניסטישער צייטשריפט „פאלעסטיין", וואס זענען איבערגעדרוקט אין „מענטוירעא", א ציוניסטישע צייטונג פון רומעניע, דעם 22 יאנואר 1920: נאר א יידיש פאלעסטינע וועט קענען ווערן א גרויסער אפזאץ־מארק פאר די ענגלישע פראדוקטן.

א באפעלקערונג פון עטלעכע מיליאָנען יידן, מיט א הויכן „לעבנס־שטאַנדאַרט״ וואָס וועט וועלן ארויסנעמען די גרעסטע פאַרדינסטן פון די לאַנדווירטשאַפט־לעכע און אינדוסטריעלע מיטלען פון פאַלעסטינע, וועט זיך באַנויטיקן אין די ענגלישע פאַבריקאַטן.

א יידיש פאַלעסטינע וועט קענען עפענען דער ענגלישער סחורה א וועג צום גאַנצן מזרח... די אינטערעסן פונעם ענגלישן האַנדל זענען אָפּהענגיק פון צוויי באַדינגונגען: אז גרויס־בריטאַניע זאָל איבערנעמען דעם מאַנדאַט איבער פאַלעסטינע און אז עס זאָל זיין א יידישע פאַלעסטינע וואָס זאָל פאַרמאָגן אין אירע גרענצן דעם באָדן און די הילף וואָס זי באַדאַרף פאַר איר עקאָנאָמישן פאָרשריט.

דאָס איז געווען די ליניע אויף וועלכער עס איז געגאַנגען אין אַלגעמיין די אָנפירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צווישן ביידע וועלט־מלחמות און אפילו נאָכן סוף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

אין אייניקע פעריאָדן פון פאַרשאַרפונג פונעם קאַמף צווישן דעם ענג־לישן אימפּעריאַליזם און דער יידישער בורזשואַזיע, ווען די ענגלענדער האָבן פאַרענגט דאָס איינדרינגען פונעם יידישן קאַפּיטאַל און האָבן באַגרענעצט די עמיגראַציע, האָבן זיך די ציוניסטישע אָנפירער געווענדט צו אַנדערע קאָריפייס פונעם אימפּעריאַליזם, אין דער ערשטער ריי צו מוסאָליניז, מיט דער גאַנצער פאַ־שיסטישער דיקטאַטור וואָס דער דאָזיקער האָט געהאַט אינסטאַלירט. עטלעכע מאָל האָבן ציוניסטישע אָנפירער ווי ווייצמאַן דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער מלוכה ישראל, נחום סאָקאָלאָוו, און נחום גאָלדמאַן, באַזוכט דעם איטאַ־ליענישן פאַשיסטישן אָנפירער, וואָס האָט זיי פאַרזיכערט פון זיין גאַנצער סימ־פּאַטיע. דער דאָזיקער האָט נישט געקאַרגט מיט לויב־געזאַנגען לגבי דעם ציו־ניסטישן נאַציאָנאַליזם. די באַשטעטיקונג געפינען מיר אין דער ציוניסטישע־ציייטונג, „רענאַשטערעאַ נאַאַסטרע״ וואָס האָט געשריבן דעם 9 אָקטאָבער 1926: „באַם אָפּשיד, האָט מוסאָליני אָנגעוווּנטשן דעם ציוניסטישן פירער (עס איז די רייד פון ווייצמאַן) דערפאָלג אין דער ציוניסטישער ארבעט״, און די ציוניס־טישע אַגענטור אי. ט. א. האָט איבערגעגעבן דעם 17 פעברואַר 1933, אז מוסאָ־ליני האָט דערקלערט סאָקאָלאָוון, וואָס האָט אים באַזוכט, „אז ער באַטראַכט מיט אינטערעס די לאַגע פון פאַלעסטינע און דאָס גאַנצע ציוניסטישע ווערק.״

די יידישע בורזשואַזיע האָט איבעריגנס געזוכט אויפצוהאַלטן אַלס א שטענ־דיקן רעזערוו די פּריינטשאַפט מיטן „דוטשע״ דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון זשאַבאָטינסקים ציוניסטישער רעוויזיאָניסטישער גרופּירונג וואָס האָט געהאַט די דירעקטע שטיצע פון מוסאָליניז, האָט געגאָסן א פולקומענע פרייהייט אינעם פאַשיסטישן איטאַליע און האָט געהאַט דאָרט אפילו א נאַוואַלע שול פאַר דער צוגרייטונג פון די נויטיקע קאַדרען פאַר דער עקספּאַנסיע פונעם איטאַליענישן אימפּעריאַליזם אינעם נאָענטן מזרח.

די אָריענטירונג צום אימפּעריאַליזם געפינען מיר נישט נאָר בא איינקע פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, זאָלן מיר זאָגן, ביי די רעכטע. די ליבע פּאַר די אָנפירער פון די טרוסטן האָבן אַלע לייטער פון די ציוניסטישע גרופּירונגען פון די אולטרא־רעאַקציאָנערע רעכטע ביז צו די אזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע לינקע.

זאָלן מיר לאָזן רעדן די דאָקומענטן.

„מיר מוזן איבערצייגן די ענגלענדער אז זייערע מיליטערישע אינטערעסן און די קאַמפּף פונעם ציוניזם זענען די זעלבע זאַך. מיר מוזן זיין א רינג פון דער אנגלאָ־אַמעריקאַנישער קייט", דערקלערט דעם 15 נאָוועמבער 1946, דער פירער פון די פאַשיסטישע רעוויזיאָניסטישע ציוניסטן, איוואן מ. גרינבערג.

די ציוניסטן זענען גרייט צו אנערקענען די פולמאַכט פון גרויס־בריטאַניע, צו בויען מיליטערישע ים און לופט־באַזעס אין ארץ ישראל, אין פאַל ווען די דאָזיקע וועט מסכים זיין אויפצובויען אן אומאָפּהענגיקע מלוכה?! (א שיינע אומאָפּהענגיקייט מיט אימפּעריאַליסטישע מיליטערישע באַזעס אויף דער טעריטאָרי פון דער מלוכה או. נ.) אויף 65% פון דער אויבערפלאַך פון ארץ ישראל, האָט געמעלדעט מיט אומפּאַרשעמטקייט נחום גאָלדמאַן, לייטער פון די צענטער ציוניסטן — די כלל־ציוניסטן, מיטגליד פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער עקזעקוטיווו און פּרעזידענט פונעם יידישן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס, בא א פּרעסע־קאָנפערענץ פון אָקטאָבער 1946 אין ניו־יאָרק.

און „על־המשמר" דער צענטראַלער אָרגאַן פון השומער הצעיר, האָט געשריבן דעם 16 סעפּטעמבער 1946:

„דער מאַנדאַט, די אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע — איז דאָך דער פונדאַמענט פון אונדזערע רעכט צו עמיגרירן אין ארץ און צו באַזעצן זיך אין לאַנד. א פונדאַמענט וואָס מיר קענען אין די היינטיקע באַדינגונגען נישט פאַרבייטן מיט עפּעס אנדערש"

אזוי זעט אוים — פון רעכטס אויף לינקס — די יידישע נאַציאָנאַליסטישע בורזשואַזיע. סערוויליזם ביז צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ, כלי־זיין פון די קיגערישע פּלענער פון די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אימפּעריאַליסטן. דאָס וויכטיקסטע זענען נישט געווען די אינטערעסן פון די מאַסן, נאָר די נידעריקע אינטערעסן פון די עקספּלואַטאַטאָרן. אזוי ווי עס האָט געזאָגט אסתר ווילענסקא, סעקרעטאַר פונעם צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל אין 1946, דער ציוניזם וויל „א יידישע אומאָפּהענגיקייט אין געדאַנק, אן ענגלישע הערשאַפט אין דער ווירקלעכקייט".

אויף וויפל עס ווערט שוואַכער דער ענגלישער אימפּעריאַליזם און אדאנק דעם פאַקט וואָס די 30 יאָר הערשאַפט אין פּאַלעסטינע האָבן אים קאָמפּראָמיטירט, אין די אויגן פון די דאָרטיקע פּאָלקס־מאַסן, ווענדן זיך היינט די ציוניסטישע אָנפירער צום אמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, די דאָזיקע ווענדונג איז א גאַנץ קלאָרע, איבערהויפּט נאָך דער גרינדונג פון דער מלוכה ישראל. דאָס

איז אָבער א קאַפּיטל פאַר זיך. אָבער נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער מלוכה, איז דער ציוניזם אריבער אינעם דינסט פון אן אנדערן בעל־הבית. אינעם פּע־ריאָד פון דער קאַמפּאַניע אויף צו ברענגען פאַרן אָ.נ.או. די פּאַלעסטינאַ־פראַגע, א קאַמפּאַניע וואָס איז אונטערשטיצט געוואָרן נאָר פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי פון ישראל, אין 1947, האָט מען דייטלעך געזען אז די ציוי־ניסטן ווענדן זיך צום אמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, דעמלט האָבן די פּאַלעס־טינער קאָמוניסטן ארויסגעלאָזט די לאָזונג: „מיר ווילן נישט פאַרבייטן דעם ענגלישן בעל־הבית מיטן אמעריקאַנישן. מיר ווילן די אומאָפּהענגיקייט פון נעם לאַנד.״

די אָריענטירונג צום אמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם האָט אָנגעהויבן טאַקע באַלד נאָך דער מלחמה, דאָס הייסט פונעם מאָמענט ווען מען האָט שוין געזען דעם רעזולטאַט פון דער מלחמה.

„דער ציוניזם, וואָס האָט תמיד געפונען א ברייטע שטיצע אין די פּריי־ניקטע שטאַטן, איז געוואָרן א מלוכה־פראַגע פון דער אמעריקאַנישער רעגירונג, („רענאַשטערע נאַאסטרע״ נר. 1. 1944).

דער שווערפּונקט פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק האָט זיך איבערגעפירט קיין וואַשינגטאָן״, שרייבט די זעלבע ציוניסטישע צייטונג דעם 22 דעצעמבער 1944.

דאָס איז דער נייער בעל־הבית, מעכטיקער, רייכער ווי דער ענגלישער.

דאָס וואָס איז לעצטנס אויפגעדעקט געוואָרן באַם פּראָצעס פון דער שפּיאָ־נען־באַנדע פון בודאַפּעשט — דער פּראָצעס פון לאַסלאָ ראַיק און זיינע מיט־שולדיקע — האָט נאָך מער באַשטעטיקט די פאַרבינדונגען פונעם ציוניזם מיטן אימפּעריאַליזם. דער פּראָצעס האָט דייטלעך באַוויזן אז די אָנפירער פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען שפּיאָנען פונעם אמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם.

צוויי פון די וויכטיקסטע אָנגעקלאָגטע, טיבאָר שעני, און אנדראַס שאַליי, זענען געווען אין ענגע באַציונגען מיט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אונגאַרן.

• מיר זעען אז דער ציוניזם צוזאַמען אַרבעטנדיק מיטן אימפּעריאַליזם, אים דינענדיק און ווערנדיק פון אים אונטערשטיצט, איז א שונא פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, ווייל דער אימפּעריאַליזם איז דער שונא פון יעדער פריי־הייט און וווילשטאַנד פון די וואָס אַרבעטן. דער ציוניזם דערפילט די ראָלע פון א ברעכער פון דער קאַמף־איינהייט פון די עקספּלואַטירטע מאַסן, וואָס ער וויל איזאָלירן פונעם אַלגעמיינעם וועג פאַר דער ליזונג פון די פראַגעס וואָס זענען פאַרבינדן מיט דער הערשאַפט פונעם אימפּעריאַליזם. א באַוויז איז די עמיגראַציע־פּראָפּאַגאַנדע וואָס באַזירט זיך אויפן פאַרזייען אומצוטרוי צו די דעמאָקראַטישע כוחות, אויף פאַרשפּרייטן דעם האַס קעגן די אנדערע פעלקער כדי, אויף דעם אופן, צו קענען בעסער שטויסן אין די אָרעמס פונעם קאַפּיטאַליזם די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

דער ציוניזם איז איינע פון די גרעסטע סכנות פאר דער געזונטער צוקונפט פון די יידישע ארבעטנדיקע מאסן, ווייל ער שטייט אינעם קריגערישן לאגער פון די אימפעריאליסטן וועלכע קענען נישט עקזיסטירן אָן בלוט־פארגיסן, אָן שחיטות און מיר ווייסן ווי ווייטעקלעך עס איז געווען די דעפארונג פון דער נישט לאנג פארענדיקטער מלחמה פאר די ארבעטנדיקע מאסן פון אלע לענדער, גענוי ווי פאר אלע יידישע ארבעטס־מענטשן.

IV. דער ציוניסטישער „סאָציאליזם" א נאציאָנאליזם אָנגעטון אין א סאָציאליסטיש קלייד

איינע פון די געפערלעכסטע פאָרמעס אין וועלכע סע מאניפעסטירט זיך דער ציוניסטישער נאַציאָנאַליזם, אויב נישט טאַקע די סאמע געפערלעכסטע, איז דער אזוי גערופענער לינקער ציוניזם („דער ארבעטער־ציוניזם"). ער איז מיט אזויפיל געפערלעכער, ווייל ער קומט פאר די מאסן, אָנגעטון אין אולטרא־רעוואָלוציאָנערע פראזעס, מיט די סאמע לינקיסטישע לאָזונגען, און זוכט אויף דעם אופן צו לעשן דעם דורשט נאָך סאָציאלער גערעכטיקייט פון די מאסן, אָפּ־נאַרנדיק זיי בלויז מיט דעמאַגאָגישע פאָרמולן. און אָפטמאָל ווירקט די דאָזיקע זאך. דער „לינקער" ציוניזם גייט אויף דער ליניע פון אלע קליין־בירגערלעכע רעפאָרמיסטן, וואָס ווילן נישט ענדערן די סאָציאלע אָרדענונג, נאָר בלויז זי „פארבעסערן".

דער „סאָציאליסטישער" „ארבעטער"־ציוניזם דערשיינט צום ערשטן מאָל אין רוסלאנד אינעם יאָר 1905, זיין „טעאָרעטיקער" זייענדיק א פסעודאָ־מארק־סיסט, בער באָראָכאָוו.

זיינע טעאָריעס, וואָס מיר וועלן דאָ נישט אנאליזירן, האָבן אין תוך באַ־הויפּטעט אז דער קלאסן־קאַמף ביי די יידן שטעט אויפן צווייטן פּלאן און די נאַציאָנאַלע באוועגונג צו גרופּירן די יידן אין פּאלעסטינע איז דער הויפּט־צוועק, דאָס הייסט זיך פּאַוואָליע נאָכצוהאלטן דער בורזשואזיע ביז אלע יידן וועלן אָנקומען אויף א טעריטאָריע, וועלן איבער דרייען די „פּיראמידע" 1).

וואָס ליגט בא די יידן מיטן שפּיץ אראָפּ מיט דער באזע ארויף, פירנדיק צו דער אנטוויקלונג פון א פויערישן שיכט און א פּראָלעטאריאט און דערנאָך וועלן מיר זען...

דער וויכטיקסטער פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער צוועק פון די דאָזיקע „טעאָריעס" איז געווען אָפּצורייסן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פונעם רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאט, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט שווונג אין

1) די סאָציאלע פּיראמידע שטעלט מיט זיך פאָר די גרופּירונג לויט באשעפטיקונגען אין פארבינדונג מיט דער ערד. באָראָכאָוו פלעג באהויפּטן אז די גרעסטע צאָל יידן געפינען זיך אינעם שפּיץ פון דער פּיראמידע, האָבנדיק באשעפטיקונגען וואָס קערן זיך גאָר ווייט אָן מיט דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָדוקציע, וועלכע באטייט די באזע פון דער פּיראמידע.

די קאמפן פונעם צאריסטישן רוסלאנד אינעם פעריאָד פון פאר 1905. די דאָזיקע טעאָריעס זענען דער אויסדרוק פונעם קליין־בירגערלעכן אָפּאָרטוניזם אין די רייען פון די יידישע מאסן, אַן אָפּאָרטוניזם וואָס האָט ארומגענומען, נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905, א טייל פון דער ארבעטער־באוועגונג פון רוסלאנד.

„דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905, האָט ארויסגערופן א צו־שטאנד פון צעפאלונג אין די רייען פון די וועג־שותפים פון דער רעוואָלוציע. די צעפאלונג און די מאָראלישע דעקאדענץ, ווערט שטארקער איבערהויפט צווישן די אינטעלעקטואלן. די וועג־שותפים וואָס זענען געקומען אין די רייען פון דער רעוואָלוציע פון דער בורזשואזער סביבה, אינעם שטורמדיקן שוווּנג־פעריאָד, האָבן פארלאָזט די פארטיי אין דער צייט פון דער רעאקציע. אטייל איז אריבער אינעם לאגער פון די דערקלערטע שונאים פון דער רעוואָלוציע, און אן אנדערער טייל האָט זיך נייסטן געמאכט אין די נאָך איבערגעבליבענע לעגאלע פאריינען פונעם ארבעטער־קלאַס, באמיענדיק זיך אָפּצווענדן דעם פּראָלעטאריאַט פונעם וועג פון דער רעוואָלוציע. און צו דיסקרעדיטירן די רעוואָלוציאָנערע פארטיי פונעם פּראָלעטאריאט" (געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי (ב) פון פ.ס.ס.ר. 3־טע אויפלאגע ר.א.פ. זייט 141).

דאָס דאָזיקע פארלאָזן פונעם מארקסיסטישן רעוואָלוציאָנערן וועג האָט זיך מאניפעסטירט אויפן אידעאָלאָגישן געביט דורך אַן בלומרשטע קריטיק פונעם מארקסיזם.

„די דאָזיקע קריטיק האָט זיך אונטערשיידט פון דער געווענטלעכער קרי־טיק דורך דעם וואָס זי איז נישט געמאכט געוואָרן אויף אַן ערלעכן און אויפ־ריכטיקן אופן נאָר פארדעקט און מיט פאלשקייט, אונטער דער פאָן פון „פאר־טיידיקן" זיינע פונדאמענטאלע פּאָזיציעס, (ציטירט ווערק זייט 142).

די דאָזיקע קריטיקער פלעגן זיך פאָרשטעלן אלס פריינט פונעם מארק־סיזם, וואָס זיי האָבן געוואָלט „פארבעסערן" — אָבער אין אמתן זענען זיי געווען די געפערלעכסטע שונאים פונעם מארקסיזם.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויך וועגן דעם רעפאָרמיסט באָראָכאָוו, וואָס האָט געוואָלט „אָנווענדן" דעם מארקסיזם צו די ספּעציפישע באדינגונגען פון די יידן, אָבער אים „אָנווענדנדיק" האָט ער אים צוגעפאסט צו די נאַציאָנאַליסטישע אינטערעסן פון דער בורזשואזיע.

דער אזוי גערופענער לינקער ציוניזם, אונטערשיידט זיך פונעם שטארקסטן נאַציאָנאַליזם בלויז דורך רייד, דורך דער פראזעאָלאָגיע וואָס זיי באנוצן. אייניקע מאָל אפילו דערמיט אליין אויך נישט.

פונעם שטאנדפונקט פונעם קאמף פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַ־ריאַט איז נישט פאראנען קיין שום בארעכטיקונג פאר דער עקזיסטענץ פונעם סאָציאליסטישן ציוניזם.

אז דער דאָזיקער דינט נישט די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן באַווייזט אונדז די גאַנצע פּאָליטישע טעטיקייט פון די נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען וואָס רופן זיך מאַרקסיסטישע.

דער פּרוּוו פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן צו גרופּירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַ באַזונדערער פּאַרטיי, איז אַ בולטער אָפּנויג פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם. איינער פון די גרעסטע זיגן וואָס דער דאָזיקער האָט באַקומען קעגן דעם אָפּאָרטוניזם, איז געווען גראָד די גרינדונג פון אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל אַרומנעמען די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

דער „לינקער" ציוניזם גייט אויף איין ליניע מיטן בונדיזם, וואָס האָט עקשנותדיק פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון פעדעראַליזירן די אַרבעטער לויט נאַציאָנאַליטעט.

לענין האָט זיך ענערגיש אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דער שפּאַלטונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס אַ ירושה פונעם פאַרשאָלטענעם צאַריזם און אַלס די ערגסטע רעה, און די באַדייטנדיקסטע שטערונג אינעם קאַמף קעגן דעם אַבסאָלוטיזם.

„מיר מוזן זיך שטיצן אויף דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, אָן אונטערשיד פון שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט וועלכער איז ענג פאַראייניקט דורך דער שטענדיק געמיינזאַמער לייזונג פון די טעאָרעטישע, פּראַקטישע, טאַקטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פּראָבלעמען און מיר זאָלן ניט שאַפן קיין אָרגאַניזאַציעס וואָס זאָלן גיין סעפּאַראַט, יעדע אויף איר וועג, מיר זאָלן נישט אָפּשוואַכן די מאַכט פון אונדזער אָנגריף דורך דער צעפּיצלונג אין צאָלרייכע אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע פּאַרטייען, מיר זאָלן נישט איינפירן די פאַרפרעמדונג און דעם סעפּאַראַטיזם אין אונדזערע רייען". (לענין — געוויילטע ווערק אין 12 בענד. — 2־טער באַנד זייט 403).

די „לינקע" ציוניסטן איגנאָרירן גענצלעך דעם דאָזיקן לענינישן פּרינציפּ און גייען אויף דער ליניע וואָס איז פּונקט זיין היפּך. זייער פראַזעאָלאָגיע קען נישט באַהאַלטן דעם דאָזיקן אמת.

די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן פעלשן אויף אַ גראָבן אופן די ווירקלעכקייט און שטעלן זיך אויף די פּאָזיציעס פונעם געמיינסטן אָפּאָרטוניזם. דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „טעאָרעטיקער" לוביאַניקער שרייבט פּאָלגנדיקס :

„צי לעבן מיר דען אין דער עפּאָכע פון דער רעאַליזירונג פונעם סאָציאַליזם? דער איינציקער ענטפער איז: ניין! מיר לייקענען אָפּ דעם קאָמוניזם גענצלעך, דער קאָמוניזם איז נישט אומשטאַנד צו רעאַליזירן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט („אונדזער סאָציאַליזם". איבער דער דאָזיקער באַהויפּטונג באַדאַרף מען גאָר נישט מער רעדן.

פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען וואָס באַהויפּטן אַז זיי זענען לינקע, ווי מפּאי(רעכטע סאָציאַל דעמאָקראַטן) מ'פּ'ם שטייען אויסגעשפּראָכן, אויף אַנטי־

קאָמוניסטישע, שאָוויניסטישע, אנטיאראַבישע פּאָזיציעס וואָס געפינען זיך אין דינסט פונעם אמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם.

דער מפּא"י איז, אזוי ווי די „רעוטער אגענטור" רופט אים „די יידישע לאַבוריסטישע פּאַרטיי" דאָס הייסט אז זי גייט אויף בעווינס און מאָריסאָנס אימפּעריאַליסטישע ליניע. דער אָנפירער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, דוד־בן־גוריון דער איצטיקער פּרעמיער פון ישראל, איז נושא־חן ביי דער רעאַקציע פונעם לאַנד, און איז דער ליבלינג פון די פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע קרייזן פון ישראל.

ווייער פּרעסע־אָרגאַן „הארץ" האָט געשריבן אין אַפּריל 1949, אז „עס איז נישט פאראן קיין מענטש אינעם גאַנצן לאַנד, וואָס זאָל האָבן פּרעס־טיזש ווי דער פּרעמיער און דעם דאָזיקן כבוד גיבן אים אַפּ אלע קרייזן.

בנוגע דער צוזאַמען־אַרבעט מיט די קאָמוניסטן, נעמען סיי דער מ'פּ'א'י סיי דער מ'פּ'ם, אַן אָפּשטויסנדיקע שטעלונג צו די פּאָרשלאָגן וועגן אן איינ־הייטלעכן פראָנט וואָס עס האָט געמאַכט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל.

די פּאָרשטייער פונעם מפּם, מורא האָבנדיק אז זיי וועלן אָנווערן די פּאָפּולאַריטעט היטן זיך אוים צו געבן א קלאָרן ענטפער קעגן דער צוזאַמען־אַרבעט; און אייניקע פון זיי וואָס האָבן באזוכט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענ־דער, האָבן זיך דערקלערט זייענדיק אין די דאָזיקע לענדער, אלס הייסע אָנ־הענגער פונעם איינהייטלעכן פראָנט.

ס. מיקוניס, גענעראל־סעקרעטאַר פון דער ק. פּ. פון ישראל, רעדנדיק וועגן די דאָזיקע דעמאַגאָגישע דערקלערונגען, האָט געזאָגט אז ער וואָלט וועלן אז די דאָזיקע דערקלערונגען זאָלן געמאַכט ווערן נישט נאָר אין ווארשע, פּראַג, אָדער בוקארעשט, נאָר דער עיקר אין תל־אביב און חיפה.

סיי מ'פּאי ווי אויך מ'פּ'ם האָבן נישט אָפּגעשטויסן, נאָר זיי האָבן באַגריסט מיט פרייד די פארשקלאַפנדיקע אמעריקאַנישע הלואה. אונדזער העלד, הער פּ. לוביאַניקער, אין אן „אידעאָלאָגישער" פּאָלעמיק מיטן מ'פּ'ם, מאַכט אונדז באקאַנט מיט דער דאָזיקער ווערטפולער דערקלערונג. „וואָס פאַר א האַל־טונג האָבן אָנגענומען די אָנפירער פונעם מ'פּ'ם לגבי דער דאָזיקער הלואה? זיי באַקעמפן זי? ניין! מען זעט נישט די קלענסטע שפּור פון באַקעמפן. איך בין זיכער, אז זיי וועלן זיך געניטן אזוי פרייען ווי איך ווען מיר וועלן באַקומען די דאָזיקע הלואה („הארץ" פון 18 יאַנואַר 1949).

לעצטענס, ערב די שטאָטישע וואַלן, האָט דער מ'פּ'ם מסכים געווען צוזאַ־מענצואַרבעטן מיטן מ'פּ'א'י כדי צו שטערן דעם זיג פון די פּראָגרעסיסטישע כוחות פון ישראל, וואָס רופן דאָס פּאָלק אין קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַלן פּאַראַט, וואָס עס באַגייען די איצטיקע פירער פון דער מלוכה.

בנוגע דער פאַנאַנדערוויקלונג פונעם קלאַסן־קאַמף און די באַגרעניצונג פון דער עקספּלואַטאַציע, שטייען דער מפּא"י און דער מפּ"ם, אזוי ווי דער שטע־

לונג מקריב צו זיין דעם ישראלישן ארבעטער־קלאס, לטובת די יידישע און פרעמדע אינדוסטריעלער און באנקירן.

דורך דער פארקלענערונג פון די לוינען, וועלן וואקסן די פארדינסטן פון די קאפיטאליסטן און אזוי וועט צוגעצויגן ווערן דער אינטערנאציאנאלער קאפיטאל צו געלד־אינוועסטיציעס אין ישראל. די אנפירער פון די ביידע אפארטוניסטישע גרופירונגען פארגעסן יעדע פארטיידיקונג פון די אינטערעסן פון דער ארבעטערשאפט, ווען עס איז די רייד פון דאלארן.

זיי האבן די זעלבע האלטונג ווי אלע אפארטוניסטישע סאציאל־דעמאקראטן פון אייראפע.

דער מפא״י איז פרעמד פון יעדן אינטערנאציאנאליסטישן גייסט. האבנדיק דאס אנטשיידנדיקע ווארט אינעם הסתדרות, (ארבעט־קאנפעדעראציע) האט ער אפגעשלאגן דעם אפעל צו שטיצן דעם שטרייק פון די פראנצויזישע שאכטיארן פון 1948, ווי אויך דעם אפעל פון פ. ס. מ. אויף צו העלפן דעם גריכישן און שפאנישן פאלק.

די רעכטע סאציאליסטישע אנפירער פונעם מפא״י וועלכע מיר האבן געזען האלטן די לייצעס אין הסתדרות, שטויסן אים צו א צוזאמענארבעט מיט דער בורזשואזיע „עס איז נישט פאראן קיין אויסגעשפראכענער אנטאגאניזם צווישן דעם ארבעטער־קלאס און יענער גרופע וואס איז אלגעמיין באקאנט אונטערן נאמען בורזשואזיע, ווייל עס איז פאראן א נאציאנאלע איינהייט אין די וויכטיקסטע פראבלעמען פונעם ציוניזם" שרייבט גערהארד מינצער, עקאנאמישער און פינאנציעלער ראטגעבער, פונעם הסתדרות, אין זיין בוך דערשינען אין 1947 „די אונטערנעמונגען פון דער ארבעטער באוועגונג אין פאלעסטינע".

דער „לינקער" ציוניזם איז א שאפונג פון דער יידישער בורזשואזיע וואס דערפולט איר נידערטרעכטיגע אויפגאבע פון שפאלטן די איינהייט פונעם ארבעטער־קלאס. די עקזיסטענץ פון די פארטייען ווי מפא״י און מ'פ'ם אלס אפארטוניסטישע סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען, האט געפירט און פירט צו דער פארשטארקונג פונעם קאפיטאליזם אין ישראל, צום וווקס פונעם אימפעריאליסטישן איינפלוס אין די רייען פון דער יידישער באפעלקערונג, מאסקירנדיק זייערע צילן פון אונטערזאכן די מאסן, אונטער א פסעודא־סאציאליסטישער פראזעאלאגיע.

דער ציוניזם אפלייקענענדיק די פרינציפן פונעם פראלעטארישן אינטערנאציאנאליזם, און באשטומענדיק די נאציאנאלע איזאלירונג, אנערקענט נישט די נויטווענדיקייט פון אן איינהייטלעכער פארטיי פונעם ארבעטער־קלאס, וואס איז די ערשטע באדינגונג פארן זיג פונעם פראלעטאריאט קעגן דעם קאפיטאליזם, א פאקט וואס האט זיך ארויסגעוויזן אינעם זיג פון דער באלשעוויסטישער פארטיי אין דער גרויסער סאציאליסטישער רעוואלוציע, און אין דער גאנצער צייט פונעם בויען די געזעלשאפט אן עקספלואטאציע, אין סאוועטן־פארבאנד.

די „סאָציאַליסטישע” ציוניסטן, וואַרפן אָפּ מיט אומפאַרשעמטקייט די סאָציאַליסטישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און אין דער זעלבער צייט אויך פון דער יידישער, און זייען אומצוטרוי אינעם קאַמף פאַר א בעסער לעבן, באַנוצנדיק די נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע.

„קיינער וועט היינט נישט ראָטן א יידן ער זאָל נעמען אין האַנט דעם וואַנדער-שטעקן און זאָל זיך באַהאַלטן אונטער דער ערד, אָדער אין הימל, כדי אָפּצוּוואַרטן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, ווייל דער קלאַסן-קאַמף פון די יידן אין גלות נעמט אָן סתירותדיקע פאָרמען אָן א שום רעאַלן נוצן פאַר דער זאַך, פון דער אַרבעטערשאַפט” (פונעם בוך „טיפּע בראַזדעס” אַרויסגעגעבן פון דער „מאַרקסיסטישער” גרופּירונג, „השומר הצעיר”).

אויף אַזא אופן קענען מיר נישט מאַכן קיין שום אונטערשיד צווישן די פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, פון סיי וועלכער ניואַנס, בנוגע דעם קלאַסן-כאַראַקטער און די אָביעקטיוון זייערע. אַזוי ווי עס לערנט אונדז די רעזאָלוציע פונעם פּאָליטישן ביראָ פונעם צ. ק. פון דער ר. א. פּ. אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

באַקעמפן דעם לינקן „ציוניזם איז א זייער וויכטיקע פאַרפליכטונג.

„דעם עפנטליכן נאַציאָנאַליזם קען מען סיי ווען בייקומען; ער איז נישט שווער צו דערקענען. א סך שווערער איז צו קעמפן מיטן מאַסקירטן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז נישט צו דערקענען אונטער זיין מאַסקע. באַדעקט מיטן פאַנצער פונעם סאָציאַליזם, איז שווערער אים צו טרעפן, און איז מעכטיקער. עקזיסטירנדיק צווישן די אַרבעטער פאַרגיפטעט ער די לופט, פאַרשפּרייטנדיק שעדלעכע אידייען פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי אין איזאָלירונג, צווישן די אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן” (י. סטאַלין — ווערק, 2-טער באַנד, פאַרלאַג ר. א. פּ., זייט 347-348).

V. „די יידישע איינהייט” — אויסדרוק פון פאַרלאָזן דעם קלאַסן-קאַמף

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס פאַרזיכט אין אַלגעמיין דעם קלאַסן-קאַמף און פאַרטונקלט דאָס קלאַסן באַוווסטזיין איז ריכטיק און פּראָגרעסיסטיש כל-זמן דער בורזשואַזער-קלאַס שטיצט דעם פּראָגרעם מיט דער דאָזיקער פראַגע באַגרונדעט אינג. א. דאַסקאַלע, בא א קאָנפערענץ פונעם משמר אין 1946, זיין טעזע בנוגע דער צוזאַמענאַרבעט פון די אַזוי גערופענע ציוניסטישע לינקע גרופּירונגען, מיטן יידישן גרויסן קאַפּיטאַל.

ס׳איז ווייט פון אונדז די כונה צו באַטראַכטן דאַסקאַלן ווי איינער פון די טעאָרעטיקער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָבער די דאָזיקע אַזוי אויסגעשפּראָכענע פאַראַפראַזירונג פון באַראָכאָוון איז אונדז נוצלעך און דערפאַר נוצן מיר זי.

דער פאַראַפּראַזאַטאָר האָט אָבער פאַרגעסן אַז ער האָט גערעדט אין 1946 און אַז שוין פון לאַנג האָט די בורזשואַזיע אויפגעהערט צו שפּילן אַ פּראָגרעסיסטישע ראָלע. אַז די אויטאָריזירטע פאָרשטייער פון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק געבן אָפּ היינט זייער גאַנצע מי, צו שטערן דעם גאַנג פאָרויס פון דער געשיכטע.

דער דאָזיקער פאָרויסגאַנג איז נישט אַזוי גינסטיק פאַר די קאַפּיטאַליסטן, מען קען אַפילו זאָגן ער שטיקט זיי.. אויב אַזוי, ווי איז די באַרעכטיקונג פון דער צוזאַמענאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע? העכסטנס אין דעם באַדערפעניש צו פאַראָטן די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן. און די קאַפּריזן פון „פאַרזיסן דעם קלאַסן־קאַמף", זאָגן זיך נישט אָפּ פון דעם.

עס איז נישט שלעכט מיר זאָלן זען ווי אַזוי באַטראַכט דאַסקאַל די פּראָגרעסיסטישע ראָלע פון דער בורזשואַזיע: „די בורזשואַזיע אַנטוויקלט לעבן דעם פּראָלעטאַריאַט די עקאָנאָמישע כוחות פון ארץ, און די קאָלאָניזירונג־טעטיקייט פון דער דאָזיקער ציוניסטישער קאָאַליציע, איז דורך דעם אַ פּראָגרעסיסטישע", ווייזט אויס אַז ס'איז פאַראַן אַן איינאַונאיינציקע דערקלערונג פאַר דעם קוראַזש פון עם משמריסטישן „טעאָרעטיקער": דער דאָזיקער פאָרטראַג איז געהאַלטן געוואָרן אין בוקאַרעשט. ווען ער וואָלט אים געוועזן חלילה געהאַלטן אין אַ זאַל פון די אונטערנעמונגען „אַטאַ", „ליבער", „עליטע" פון ישראל, ווו די אַרבעטער ציען קוים זייער חיונה, וואָלט עס אים נישט געווען זער גוט באַקומען.

אויב איניקע ציוניסטישע אָנפירער ווי די מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַשעפטיקט, פאַר בושה, וואָס זיי האָבן געלייענט עטלעכע מאַרקסיסטישע ביכער— רעדן איבער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט ווי צוויי קעגנערישע קלאַסן וואָס קענען זיך איינפאַרשטיין, כמעט אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען און זייערע אָנפירער פאַרלייקענען די עקזיסטענץ פון די קלאַסן אין די רייען פון די יידן. אויף דעם אופן העלפן זיי דער בורזשואַזיע, וועלכע זייענדיק געטראָפן אין אירע אינטערעסן פון אַן עקספּלואַטאַטאָרישן־קלאַס, קען זי מאַכן אַ געוואַלד אַז עס זענען געטראָפן די „נאַציאָנאַלע אינטערעסן" פון די יידן.

דאָס יידישע פאָלק אין גלות, באַשטייט פון איין קלאַס „זאָגט אַ אינערלעכער בולעטין פון השומר הצעיר דערשינען אין 1948.

אָפּלייקנענדיק די בולטע ווירקלעכקייט, און אַריינלייגנדיק די יידישע גרויסע קאַפּיטאַליסטן אוישניט, באַראָן נוימאַן, קאַרמיץ, וויסמאַן, מרגליות, בערקאָוויטש, וואָס האָבן גערויבט און עקספּלואַטירט, באַרייכערנדיק זיך בשותפות מיט די רומענישע און אונגאַרישע קאַפּיטאַליסטן, אין דעם זעלבן טאָפּ מיטן יידישן קליינעם בעל־מלאכה, וואָס איז געווען צעמערשט פון דער גרויסער אינדוסטריע, און מיטן יידישן אַרבעטער, וואָס האָט געליטן באַנאַנד מיטן רומענישן און אונגאַרישן אַרבעטער אָדער פּויער, איז אַן אומפאַרשעמט איבערטרעטן יעדן וויסנשאַפטלעכן פּרינציפּ, אָבער די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן אַרבעטן נישט מיט אַזעלכע באַגריפן. זיי ווילן אָפּנאַרן די מאַסן, צו שטעלן זיי

אינעם דינסט פונעם קריגערישן אימפעריאליזם. די ציוניסטן באַנוצן די לאָזונג פון דער „יידישער אחדות", כדי לייכטער צו קענען ברענגען די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן צו שלעפּן דעם וואָגן פון דער אייגענער בורזשואַזיע. זיי זאָגן אַז די העכערע אינטערעסן פון אויפבויען פּאַלעסטינע, צווינגען זיי אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פונעם קלאַסן־קאַמף, אָבער דער דאָזיקער ליגן איז דערוויזן דורך דעם שאַרפן קלאַסן־קאַמף וואָס קומט פאָר אין ישראל, טראָץ דער גאַנצער אַפּאַראַטוּרניסטישער פּראַזעאָלאָגיע פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן.

דער אויסדרוק פון זייער פּאָליטיק פון פאַרלאָזן דעם קלאַסן־קאַמף, און פון פאַרטיידיקן די איינהייט מיט דער יידישער בורזשואַזיע איז די אָריענטירונג פון דער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע פון ישראל (הסתדרות העובדים).

דער הסתדרות איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון די יידישע קאַפּיטאַליסטן וואָס באַנוצן די פאָרשטייער פון די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף צו פאַרפעסטיקן די אונטערדריקונג פונעם אַרבעטער־קלאַס.

די טעאָרעטיקער וואָס שטייען אינעם דינסט פונעם קאַפּיטאַליזם, ווילן ברענגען די אַרבעטער־באַוועגונג אויפן וועג פון קאַפּיטולאַציע פאַר דעם יידישן קאַפּיטאַל און פאַרן אימפּעריאַליזם.

די אידעאָלאָגיע פונעם הסתדרות קען זיך נישט שטיצן אויף דער טעאָריע פונעם קלאַסן־קאַמף, איבער דער איינפאַכער סיבה, וואָס אין יידישן פּאַלעסטינע איז נישט פאַראַן קיין קלאַסן אינעם געוויינטלעכן זין פונעם וואָרט (ג. מינצער — „די אונטערנעמונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע". זייט 69).

אַליץ אינעם זעלבן בוך לייענען מיר: „דער הסתדרות האָט נישט בדעה אָנצוגרייפן די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען פון פּאַלעסטינע דאָס וואָלט געבראַכט א סטאַגנאַציע."

די ציוניסטן ווילן זיך נישט רעכענען מיט דער עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן מיט זייערע נויטן.

דער הסתדרות ווערט פאַרוואַנדלט אין א נאָכשלעפּער פון דער בורזשואַזיע, און די דאָזיקע פּאָליטיק האָט די הסכמה פון די ציוניסטישע פירער.

דער הסתדרות האָט איבעריגנס ענגע באַציונגען מיט די יידישע קאַפּיטאַליסטן מיט וועמען ער מאַכט געמיינזאַמע געשעפטן. אומצאָליקע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען פון ישראל זענען געגרינדעט געוואָרן מיט דער באַטייליגונג פונעם הסתדרות אויף גלייך מיטן פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אַזוי למשל איז דאָ דאָס גרויסע בוי־אונטערנעמונג „סולל־בונה", די צעמענט־פאַבריק „נשר", די זייף־פאַבריק „שמן", די זאַוואָדן „וואולקאַן", פּעליטשיא" א. א.

די אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַנוצן, רעאַליזירן גרויסע רווחים פון דער עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט מיטן פּריוואַט קאַפּיטאַל. דערפאַר דערלויבן זיי זיך צו מאַכן פּאָלגנדיקע באַהויפּטונגען: „דער גלויבן אַז דער הסתדרות אין זיין אייגנשאַפט פון א פּראָפעסיאָנעלן סינדיקאַט, וועט באַנוצן דעם

כוח פון זיינע אָרגאַניזירטע מיטגלידער, כדי צו אָרגאַניזירן שטרייקן, איז א פאַלשער, ווייל אָפּשוואַכן די פּריוואַט־עקאָנאָמיע הייסט אָפּשוואַכן די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פונעם לאַנד" (ג. מינצער, ציטירט ווערק).

אָבער דער פּראָלעטאַריאַט פון ישראל, רעכנט זיך נישט זייער מיט די דאָזיקע טעאָריעס און פירט זיין קאַמף, אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד וואָס איז פאַרכאַפּט פונעם אימפּעריאַליזם. א קלאָרער באַווייז פונעם דאָזיקן פאַקט איז דער וווּקס פון דער צאָל שטרייקן אין 1949 אין פאַרגלייך צו 1948.

פאַריקס יאָר זענען געווען איבער גאָר 33 שטרייקן, בעת נאָר אין מערץ 1949 זענען געווען 8 שטרייקן. דאָס איז דער ענטפער פון דער אַרבעטנדיקער מאַסע פון ישראל צו די אָפּאָרטוניסטישע און רעפאָרמיסטישע אָנפירער. וואָס האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט צו דער אָנפירונג פונעם לאַנד און פון זייערע סינדי־קאַלע אָרגאַניזאַציעס. עס איז נישט קיין צווייפל אַז זייער קאַמף וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג און אַז די אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועט האָבן אויך אין ישראל דעם גורל וואָס עס קומט איר.

די קאָמוניסטן שטייען אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן קאַמף און די פּאָ־פּולאַריטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל וואַקסט וואָס א טאָג מער.

אסתר ווילענסקאַ, סעקרעטאַר פונעם צ. ק. פון דער ק. פּ. מ. שרייבט אין א נישט לאַנג דערשינענעם אַרטיקל: די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, האָבן געפונען פאַרטיידיקער אין די „פּאָליטיקער" פון די רעכטע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן, אין זייער אולטראַ־רעאַקציאָנערער פּאָליטיק. דער קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס פון ישראל, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיינע רעכט, עפנט אָבער די פּערספּעקטיוון פון אינערלעכער, דעמאָקראַטישער אַקציע, דורך די זיגן וואָס דער דאָזיקער קאַמף וועט פאַרצייכענען. („די אָריענטירונג אויף רעכטס פון דער רעגירונג פון ישראל").

VI. די פאַלשע טעאָריע פון דער „אייביקייט פונעם אַנטיסעמיטיזם" א פאַרסמט געווער אין די הענט פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן

נאָך אין 1933 האָט וו. אי. לעניִן אין זיין אַרטיקל „באַדאַרף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַן אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע פּאַרטיי?" סטיגמאַטיזירט דאָס וואָס ער רופט אָן די בבא־מעשה פון די ציוניסטן איבערן אייביקן אַנטיסעמי־טיזם". צוגלייך מיטן דערשיינען פון דער נאַציאָנאַליסטישער שטרעמונג אין די רייען פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז דערשינען אויך די ציוניסטישע „טעאָ־ריע" לויט וועלכער דער אַנטיסעמיטיזם האָט פון תמיד אָן עקזיסטירט, און אַז ער וועט אייביק עקזיסטירן, אַז מען קען קעגן דער דאָזיקער מכה נישט קעמפן, אַז מיר מוזן זיך מייאש זיין און דער עיקר אַנטלויפן פון צווישן די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן, און זיך איזאָלירן פון דער רעשט וועלט.

די דאָזיקע פאַלשע און פאַרברעכערישע טעאָריע האָט געבילדעט דעם פּאָ־ליטישן און אידעאָלאָגישן פונדאַמענט פון דער ציוניסטישער שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, זי האָט נאָך היינט א גרויסן כבוד ביי די נאַציאָנאַליסטישע אָנ־פירער פון די ציוניסטישע גרופּירונגען.

דער אנערקענטער אָנפירער פון די ציוניסטישע טעאָרעטיקער טעאָדאָר הערצל, האָט געלעגט דעם יסוד פון דער דאָזיקער טעאָריע וואָס איז ווייטער געפירט געוואָרן „רומפּול" פון אלע ציוניסטן.

אין זיין בוך „יודען־שטאַט" חזרט ער איבער אָפּטמאָל די מעשה מיט דער אייביקייט פונעם אנטיסעמיטיזם... דאָ האָבן מיר עטלעכע ציטאַטן:

„אומזיסט זענען מיר איבעראַל גוטע פּאַטריאָטן. סיי וואָס מיר זאָלן נישט טון וועט מען אונדז ווייטער רודפן און פאַריאָגן" (זייט 12—13).

„די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן זענען אָן שום אויסנאַם אָפן אָדער באהאַלטן, אנטיסעמיטישע (זייט 26).

אין דער גאַנצער וועלט גליט דער אנטיסעמיטיזם און א קליינער בלאָז וועט אָנצינען די שנאה וואָס לעשט זיך נישט מער אויס זייט צוויי טויזנט יאָר.

פּינסקער האָט געשריבן אין זיין בוך „אויטאָ־עמאַניציפּאַציע": „די יידן־שנאה איז א פּסיכאָז. זי איז אן ערעדיטאַרע פּסיכאָז, און זייענדיק א קרענק וואָס ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור זייט צוויי טויזנט יאָר, קען מען זי נישט מער היילן".

די דאָזיקע באהויפּטונגען זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר די נאַציאָנאַליסטן וואָס זוכן צו פעלשן די באַציונגען צווישן די פעלקער. אוועקשטעלנדיק זיי אלס באַציונגען פון שנאה צווישן די נאַציעס, צווישן נאַציאָנאַלע גרופּעס, און ווילן ווייזן אז די גאַנצע געשיכטע איז א געשיכטע פון קאַמפּן צווישן די דאָזיקע נאַ־ציאָנאַלע גרופּעס.

די ציוניסטן, פאַרשפּרייטנדיק די דאָזיקע אידייען ווילן שטויסן די דאָ־זיקע מאַסן צו אַנטלויפן, צו פאַרלאָזן די ערטער ווו זיי לעבן, כדי צו קאָלאָ־ניזירן א טעריטאָריע ווו די יידישע בורזשואַזיע זאָל זיי קענען פריי עקספּלואַ־טירן. פאַרטיידיקנדיק די אייביקייט פונעם אנטסעמיטיזם, ווייזן זיי אז מען וועט אים קיינמאָל נישט קענען ליקווידירן, אז מען קען נישט און מען דאַרף נישט קעמפן קעגן דער דאָזיקער צרה פונעם קאַפּיטאַליזם און פון אלע געזעלשאַפטן וואָס זענען באַזירט אויף קלאַסן־אַנטאַגאָניזם.

„מען מוז פאַרמיידן יעדע פּאָלעמיק וואָס רויבט אוועק צייט און כוח, ווייל ס'וואָלט געווען אן אומנוצלעכע אַרבעט, פון האָן קישאָט וואָס קעמפט מיט די ווינט־מילן. ווייל קעגן אַבערגלויבעניש (ס'איז די רייד פון אנטיסעמי־טיזם א. נ.), קעמפן אפילו די געטער אומזיסט. (פּינסקער ציט. ווערק).

דער דאָזיקער נאַציאָנאַליסטישער „טעאָריע" פעלט יעדע וויסנשאַפטלעכע באַזע, זי קען נישט אויסהאַלטן אן ערנסטן אַנאַליז פונעם שטאַנדפּונקט פון

די באדינגונגען אונטער וועלכע זי איז אויפגעקומען און פון די אינטערעסן וואָס זי פאַרפאָלגט.

די קלאַסיקער פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם האָבן געוויזן — איבערהויפּט לענין און סטאַלין — אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ דיווערסיע־געווער אין די הענט פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן, מיט וועמענס הילף די דאָזיקע ווילן אָפּהאַלטן דעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס פאַר אַ בעסער לעבן.

לענין האָט געוויזן נאָך אין 1903 „דעם אומצווייפלהאַפטן בונד צווישן דעם אַנטיסעמיטיזם גראָד מיט די אינטערעסן פון די בורזשואַזע שיכטן" און אין 1918 דערנדיק פאַר דער רויטער אַרמיי, האָט לענין געזאָגט אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ געווער פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע וואָס מוז פאַר־ניכטעט ווערן אָן רחמנות.

חבר סטאַלין האָט דערקלערט אין 1931: דער נאַציאָנאַלער אָדער ראַ־סיאַלער שאָוויניזם, איז אַ רעשטל פון די נישט מענטשלעכע מנהגים פון דער ערע פונעם קאַניבאַליזם. דער אַנטיסעמיטיזם איז זיין קלאָרסטע פאָרם. ער דינט אַלס אַ בליץ־אָפּלייטער פאַר די עקספּלואַטאַטאָרן מיט וועמנס הילף זיי זוכן צו באַזייטיקן די קלעפּ פונעם אַרבעטער־קלאַס. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ סכנה פאַרן אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס וויל אים דערווייטערן פון זיין וועג און אים פאַרפירן אין זומף. אַלס באַוווסטזיניקע אינטערנאַציאָנאַליסטן, זענען די קאָמוניסטן שטאַרקע געגנער פונעם אַנטיסעמיטיזם וואָס ווערט זייער שטרענג באַשטראָפט אין פ.ס.ס.ר. אונדזערע געזעצן באַשטראָפן דאָס פאַרשפּרייטן אַנטי־סעמיטיזם מיט טויט־שטראָף.

די דערגרייכונגען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די פולע גלייכבאַרעכטיקונג וואָס עס געניסן די יידן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אינעם לאַנד פון סאָציאַליזם, די גענצלעכע ליקווידירונג פון דער עקספּלואַטאַציע, האָט אינגאַנצן אויסגעראָטן דאָס פאַרסמטע ווילד־גראָז פונעם שאָוויניזם און דעם אַנטיסעמיטיזם. דאָס צאַריסטישע רוסלאַנד—די תפיסה פון די פעלקער — ווו די פּאָגראָמען זענען געשען איינער נאָכן אַנדערן, האָט זי פאַרוואַנדלט אַדאַנק דער פאַרניכטונג פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן, אין אַ היימלאַנד פון אַלע די וואָס אַרבעטן אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, דעם ביישפּיל פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, גייען נאָך היינט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, וועלכע גייענדיק צום סאָציאַליזם, וועלן אינגאַנצן ליקווידירן מיטן קאַ־פּיטאַליזם, אַרויסרייסנדיק יעדע באַזע פון ראַסן־האַס.

ריזיקע שריט האָט מען געמאַכט אין דער דאָזיקער ריכטונג אויך אין דער רומענישער פאָלקס־רעפּובליק, די געזעצן פונעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים בראש מיט דער רומענישער אַרבעטער־פּאַרטיי, זענען אַ זיכערער באַווייז פון די נייע ענדערונגען. די אומפאַרשעמטע ליגנערישע טעאָריע פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן, לויט וועלכן דער אַנטיסעמיטיזם וועט נישט פאַרשווינדן צו־גלייך מיטן קאַפּיטאַליזם, איז איבערגעקערט געוואָרן פון דער עקזיסטענץ פונעם

סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון די דערגרייכונגען אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

דער קאַמף וואָס עס פירן די קאָמוניסטישע און ארבעטער־פּאַרטייען כדי ארויס צורייסן די רעשטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער מענטאַליטעט, איז אויך דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם וואָס לעבט נאָך אינעם מוח פון די צוריק־געשטאַנענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, צוזאַמען מיט אַנדערע פאָרורטיילן וואָס זענען איינפילטרירט פונעם קאַפּיטאַליזם, פאַרשווינדן זיי און וועלן מאַכן פּלאַץ אַלץ מער, דער קאַמף-פאַרברודערונג פון די וואָס ארבעטן.

חבר וואַסילע לוקאַ, סעקרעטאַר פונעם צ. ק. פון דער ר. א. פּ. שרייבט אין אַן אַרטיקל וואָס איז דערשינען אין: „פאַר דויערהאַפטן שלום, פאַר פאָלקס־דעמאָקראַטיע" פונעם 15־טן אָקטאָבער 1948: „אין דער רומענישער פאָלקס־רעפּובליק, ווו צוריק מיט 4 יאָר האָט נאָך געבושעוועט דער נאַציאָנאַלער האַס, האָט זיך געשאַפן נאָך דעם באַזיגן די רעאַקציע און נאָכן לייזן אויף א דעמאָ־קראַטישן אופן די נאַציאָנאַלע פראַגע אַן ארבעט איינהייט צווישן די ארבעטס־מענטשן פון שטעט און דערפער, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט."

האַלטנדיק אַלס הויפּט התחיבות די ליקווידירונג פונעם שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם ווי אויך יעדע נאַציאָנאַליסטישע מאַניפעסטירונג, אונטער־שטרייכט די רעזאָלוציע פונעם פּאָליטישן ביוראָ פונעם צ. ק. פון דער ר.א.פּ. אַז: „די קאָמוניסטן אין די רייען פון דער רומענישער באַפעלקערונג, איז זייער מעטיקייט פון דערציען די פאָלקס־מאַסן, מוזן לעגן דעם אַקצענט אויף דער פאַרברידערונג און פאַראייניקונג מיטן רומענישן פאָלק, אויפן וועג צו פאַר־פעסטיקן די רומענישע פאָלקס־רעפּובליק, קעמפנדיק קעגן דעם פאַרשליסן אין זיך אַליין קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער איזאָלירונג. אַזוי אַרום פאַרשטאַרקט זיך דאָס געפיל פון קעגנזייטיקן צוטרוי און פון קאַמף-סאָלידאַריטעט, די באַזע פון דער קאַמף־איינהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, פאַרן בוי פונעם סאָציאַליזם."

מיט וויפל די דאָזיקע ווירקלעכקייט איז מעכטיקער, אויף אַזוי פיל ווערן אויפגערייצט די פאַרשידנאַרטיקע נאַציאָנאַליסטן. דערפאַר, אויף וויפל עס וואַקסן די זיגן פונעם רומענישן פאָלק און פון די מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן, אויפן וועג פונעם סאָציאַליזם, פירן אָן די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן, גענוי ווי די אונ־גאַרישע שאָוויניסטן, גענוי ווי די אַנטיסעמיטן אַלץ מער גיפטיקע פּראָפּאַ־גאַנדע. זיי פילן אַז זיי פאַרלירן דעם באָדן אונטער זייערע פיס. זיי פילן אַז מיטן בוי פונעם סאָציאַליזם און מיט דער ליקווידירונג פונעם קאַפּיטאַליזם, פאַרלירן זיי יעדע באַזע פאַר זייער פאַרברעכערישער פּראָפּאַגאַנדע.

מיר מוזן אַלעם טון כדי צו דעמאַסקירן זייער פּראָפּאַגאַנדע און צו פאַר־ניכטן יעדן פּרווו צו אונטערגראָבן די קאַמף־איינהייט פונעם ארבעטנדיקן פאָלק. באַקעמפנדיק די טעזע איבער דער אייביקייט פונעם אַנטיסעמיטיזם, פאַר־ניכטן מיר דעם מאַסן־איינפלוס פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן.

די נאַציאָנאַליסטישע ציוניסטן אין כאָר מיט די אַנטיסעמיטישע אַנטיקאָמוניסטישע פּראָוואָקאַטאָרס

יעדער פאַראַט פון די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן איז פאַרבינען מיט אַן אומפאַרשעמטער אַנטיקאָמוניסטישער און אַנטיסאָוועטישער קאַמפּאַניע.

דער סאָוועטן-פאַרבאַנד איז פאַר אַלע אַרבעטס-מענטשן די פאָן אינעם קאַמף פאַר באַפרייונג, און דער לייכט-טורעם, וואָס ווייזט אָן דעם וועג צו אַ בעסער לעבן, פאַר די וואָס געפינען זיך אין דער קאַפּיטאַליסטישער קנעכטשאַפט.

די קאָמוניסטן זענען אין יעדן לאַנד די מוטיקסטע פאַרטיידיקער און קעמפער פון דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און פאַר דער פרייהייט פון די אַרבעטס-מענטשן. זיי זענען אַ צוים קעגן יעדן פאַראַט און קעגן דעם בויגן זיך פאַרן אימפּעריאַליזם. דערפאַר פירן און האָבן געפירט די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן אין משך פון זייער גאַנצער עקזיסטענץ אָן שום רעזערווע, אָן אָפּענע אַנטיקאָמוניסטישע און אַנטיסאָוועטישע פּאָליטיק.

בעת דעם ענגלישן מאַנדאַט אין פּאַלעסטינע, האָבן די אָרגאַנען פון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער פּאָליציי, רעקרוטירט פון די רייען פון די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע די פּראָוואָקאַטאָרישע אַגענטן אינעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטן. די אַנטיקאָמוניסטישע פאַרפאָלגונגען פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן זענען געווען אונטערשטיצט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אָן קיין שום אונטערשיד פון לינקס ביז רעכטס.

דער פּאָליציי-אָפיצער שטיינבערג, מיטגליד אין דער פּאַרטיי מאַפּיי, געוועזענער באַאַמטער פון דער ענגלישער פּאָליציי, וואָס איז אַצינד אַ הויכ-באַאַמטער אינעם מלוכה-אַפּאַראַט פון ישראל, האָט אין 1941 דערמאָרדעט דעם סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון תל-אביב, סיאָמאַ מיראָניאַנסקי. דער מערדער איז נאָך היינט פריי, כאָטש די פרוי פון דעם דערמאָרדעטן האָט געפאָדערט מען זאָל אויספאָרשן דעם פאַל, און מיט דער גאַנצער קאַמפּאַניע וואָס די קאָמוניסטישע פּרעסע אין ישראל האָט געפירט כדי מען זאָל מאַכן אַ פּראָצעס קעגן דעם מערדער.

דער אַנטיקאָמוניזם פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, זעט מען אַרויס איבערהויפּט ביי די יעניקע וואָס באַהאַלטן ניט אונטער אַ פּסעוודאָ-מאַרקסיסטישער פראַזעאָלאָגיע זייערע נאַציאָנאַליסטישע צילן. „קוווענטאָל וואָרעסק" אָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטן (ציוניסטישע פאַשיסטן) האָט געשריבן אינעם נר. 71 פון 1937... „אַז דו ווילסט דינען דעם ציוניזם, ביסטו פאַרפּליכטעט צו אַרבעטן און קעמפן קעגן דעם קאָמוניזם דורך וואָרט און טאַט".

אַנדערש האָט גאָרנישט געקענט רעדן אַ צייטונג וואָס האָט פאַרטרעטן די פּאָליטישע פּרינציפּן פון דעם וואָס איז פאַרורטיילט געוואָרן צום טויט אין

1919 פון א סאָוועטישן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנע־רער טעטיקייט אין דער באַנדע פונעם פּאָגראָמיסט פּעטליורא.

עס איז די רייד פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וועלכן דר. לעווענשטיין לויבט זייער אין זיין „געשיכטע פונעם ציוניזם".

אַסך ציוניסטישע פירער פאַרמעסטן זיך אין אַנטיקאָמוניסטישע דער־קלערונגען.

„דער באַרימטער" פּרעזידענט פון דער מלוכה ישראל האָט דערקלערט נאָך איידער ער איז געוואָרן פּרעזידענט, באַלד נאָכן באַשלוס פונעם אָ. נ. אָ. צו שאַפן צוויי אומאָפּהענגיקע מלוכות אין פּאַלעסטינע, אַז די יידישע מלוכה וועט קיינמאָל נישט זיין קיין קאָמוניסטישע מלוכה."

מן הסתם כדי צו באַרויקן די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן און די אַמעריקאַ־נישע קאַפּיטאַליסטן וואָס פירן זיי אָן און וועלכע האָבן מורא פאַר די אינוועס־טירטע קאַפּיטאַלן אין פּאַלעסטינא און איבערהויפּט פאַר די נייע קאַפּיטאַלן וואָס זיי ווילן אינוועסטירן דאָרט.

איבעריגנס האָט העגרי מאָרגענטאַו דער געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער פון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג, גאַנץ אָפן דערקלערט אַז יעדער אַמערי־קאַנישער דאָלאַר וואָס ווערט אינוועסטירט אין ישראל, מוז זיין א שטיץ אינעם אַנטיקאָמוניסטישן קאַמף. דער אויטאָר פון דער דערקלערונג, איז א גרויסער און אַנגעזעענער „אַמעריקאַנישער ציוניסטן־אָנפירער", פּרעזידענט פון „דזשויש אוניטעד עפּיל" באַרימטע אָרגאַניזאַציע וואָס קאָלעקטירט ציוניסטישע פאָנדן.

די אַנטיקאָמוניסטישע שטעלונג פון די ציוניסטן, האָט מען געזען אויך בעת דער סעסיע פון מאָנטרע פונעם יידישן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון יוני 1948. די ציוניסטישע פירער, וואָס פירן אָן דעם קאָנגרעס: גאָלדמאַן, פּיאַטי־גאָרסקי, באַרו, האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַז אן אַמעריקאַנישער קאָמוניסט, זאָל אַריין אינעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פונעם קאָנגרעס. די סיבה האָבן זיי אויס־געזאָגט אָנפאַרשעמט. זיי ווילן זיך נישט צעקריגן מיט טרומאַנען, וואָס איז אין סאַמע ברען פונעם אַנטיקאָמוניסטישן אָפּענסיוו.

אַזוי אַז מיר זעען די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן, גייען אויפן וועג פון יעדער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסטישער גרופּירונג וואָס שטייט אינעם דינסט פונעם אימפּעריאַליזם. זייער אַנטיקאָמוניסטישע האַלטונג ווערט דערגענצט פון א שטאַרקע שנאה קעגן דעם גרויסן לאַנד פונעם סאָציאַליזם, קעגן דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד. די ציוניסטן זענען א טייל פונעם געמיינזאַמען כאָר פון די אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס שטייען אינעם דינסט פון דער אַלוועלט־לעכער רעאַקציע.

דער אַנטיסאָוועטיזם איז איינע פון די נידערטרעכטיקסטע מאַניפעסטי־רונגען פונעם נאַציאָנאַליזם, לערנט אונדז די רעזאָלוציע פונעם פּאָליטישן ביראָ פונעם צ. ק. פון דער ר. א. פּ. אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דער אנטיסאָוועטיזם פון די ציוניסטן מאַניפעסטירט זיך דורך מינימאַ־ליזירן און אפילו אָפּלייקענען די וועלט־באַדייטונגען פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דורך פאַרלוימדן די סאָוועטישע דערגרייכונגען בנוגע דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

„מיר וואגן צו באהויפּטן — לייענען מיר אין א ציוניסטיש ביכל — אז אין פּאַלעסטינע איז דורכגעפירט געוואָרן די טיפסטע רעוואָלוציע אין דער וועלט. ווו, אין וואָס פאַר אן אָרט אויפן ערד־קײַלעך און ווען, אין וועלכער היסטאָ־רישער עפּאָכע איז פאָרגעקומען אזא זאך? (י. זשאַק, „די לייזונג פון אונדזער פראַגע”, פאַרלאַג החלוץ, זייט 17).

די ציוניסטן האָבן נישט געקאַרגט קיין שום אָנשטרענגונג כדי פאַר־לוימדן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי צו באַשמוצן זײַנע דערגרייכונגען. אָבער די יידישע מאַסן וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פונעם פאַשיזם, דורך די קרבנות פון דער סאָוועטישער ארמיי און די יידישע מאַסן פון ישראל וואָס האָבן באַ־קומען די מעגליכקייט צו האָבן אן אומאָפּהענגיק היימלאַנד אדאנק דעם קאַמף וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געפירט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, קוקן מיט ליבע צום גרויסן לאַנד פונעם סאָציאַליזם וואָס האָט זיי ווידערגעגעבן די האָפנונג אויף א בעסער לעבן.

פ.ס.ס.ר. איז די גאַראַנטיע פונעם דערפאָלג אינעם באַפרייונגס־קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער, און העלפט דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטש־הייט פאָרויסגיין צום פּראָגרעס. די פרײַנטשאַפט און דער בײַשפּיל פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען די שטאַרקסטע הילף פאַרן קאַמף פון אַלע נאַציאָנאַ־ליטעטן; אויך פון די יידישע אַרבעטס־מענטשן וואָס ווילן לעבן אין פאַרברי־דערונג, אָן קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצער.

די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן קענען באַהאַלטן די דאָזיקע ווירק־לעכקייט פאַר די אַרבעטס־מענטשן און דערפאַר האָט זייער פּראָפּאַגאַנדע נישט קיין אָפּקלאַנג בײַ די מאַסן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געוווּנען אין די האַר־צער פון אַלע די וואָס אַרבעטן, אין ערן־פלאַץ. ער איז דער פאָרגעשריטנסטער דערטאַשאַמענט פון דער פּראָגרעסיסטישער מענטשהייט, וואָס העלפט אַלע פעל־קער זיך צו באַפרייען פון דער פינצטערניש פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקס־פּלואַטאַציע און אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פונעם מלחמה־העצערישן אימפּעריאַליזם. דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד רופט צום קאַמף פאַר שלום און פאַרברידערונג, די אַזוי טײַערע אידעאַלן פון די פּשוטע מענטשן, צווישן וועלכע עס רעכענען זיך אויך די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. נאָכפאָלגנדיק דעם דאָזיקן רוף, האָבן די אַרבעטס־מענטשן, אַנטשלאָסן, אָנגעהויבן ליקווידירן דעם פּוילן קאַפּיטאַליזם, פאַרפעסטיקנדיק דורך נײַע זיגן, די גרויסע דעראָבערונגען פון דער סאָציאַליס־טישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

VIII. ווי אזוי רעגירן די ציוניסטן מדינת־ישראל

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועלן מיר רעדן איבער דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין מדינת ישראל. די דאָזיקע פּאָליטיק איז די דייטלעכע כאַראַקטעריזירונג פונעם נאַציאָנאַליסטישן וועג פון דער יידישער בורזשואַזיע. אַ וועג וואָס פירט צום פאַראַט פון די אינטערעסן פון די אַרבעטס־מענטשן, אַ וועג פון פאַרקנעכטונג צום ענגלישן און אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם.

מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז דעמאַסקירנדיק די פאַרעטערישע רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון דער יידישער בורזשואַזיע אין מדינת־ישראל, מאַכן מיר אַן אונטערשייד צווישן דער דאָזיקער פּאָליטיק און דעם קאַמף פון די פאָלקס־מאַסן פון ישראל כדי צו דערצילן די רעעלע אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד.

אַ באַדייטנדיקן זיג פונעם דעמאָקראַטישן לאַגער איז געווען דער דערפאָלג וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט באַקומען באַם אָ.נ.או. דורך דעם באַשלוס צו שאַפן צוויי אומאָפּהענגיקע מלוכהס, די יידישע און די אַראַבישע אין פּאַלעסטינע. אויף דעם אופן האָבן די פעלקער פון פּאַלעסטינע באַקומען אַ מעכטיקע שטיצע אין זייער קאַמף ווענגן אומאָפּהענגיקייט: דאָס פאַרטרייבן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, געלייטעט פון די הויכע פּרינציפּן פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָבן געגעבן די מעגלעכקייט די יידישע און אַראַבישע מאַסן פון פּאַלעסטינע, זיך צו שאַפן אייגענע מלוכה׳ס, פריי פון יעדער אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג.

די יידישע פאָלקס־מאַסן פון ישראל האָבן דאָס פאַרשטאַנען און האָבן דערפאַר העלדיש געקעמפט כדי צוריקצושטויסן די אימפּעריאַליסטישע אַגרעסיע פון די אַראַבישע באַצאָלטע רעגירונגען. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיי געהאַט די סימפּאַטיע און די הילף פון אַלע ערלעכע און פּראָגרעס־ליבנדיקע מענטשן פון דער גאָרער וועלט. אָבער די יידישע בורזשואַזיע האָט נישט געוואָלט און וויל נישט אַ ווירקלעכע אומאָפּהענגיקייט, זי באַדאַרף בלויז אַ מעגלעכקייט צו עקספּלואַטירן, אַפילו ווען זי באַדאַרף צוליב אַ רויקער עקספּלואַטאַציע, טיילן דעם רויב מיטן אַמעריקאַנישן אָדער ענגלישן אימפּעריאַליזם.

פון דעם וואָס מיר וועלן ווייטער ברענגען, וועלן מיר זוכן צו באַווייזן אַז די פּאָליטיק פון די איצטיקע אָנפירער פון ישראל, איז אַ פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלן פאַראַט, פון שותפות מיט דער אַלוועלטלעכער רעאַקציע אַז די יידישע גרויס־קאַפּיטאַליסטן, מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואַרפן אַריין ישראל אינעם לאַגער פון די אַגרעסיווע אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע קרייזן וואָס ווילן מלחמה.

*

עס איז נישט קיין יאָר אַוועק זייט דער גרינדונג פון דער ציטווייליקער ציוניסטישער רעגירונג אין ישראל — וואָס נעמט אַריין אַלע ציוניסטישע גרו־

פירונגען, חוץ קאָמוניסטן, און די פאָלקסמאַסן פון ישראל האָבן שוין געקענט אַרויסזען גאַנץ קלאָר די אומגליקלעכע פּאָליטיק פון דער יידישער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַזיע.

מדינת ישראל געפינט זיך אין א שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, ווייל זי האָט א רעדוצירטן אינדוסטריעלן ניוואָ און א לאַנדווירטשאַפטלעכן פּאָטענציאל וואָס איז אָפּהענגיק פון דער פאַרוואַנדלונג פון א מדבר, דער נגב, אין א קולטור־געביט.

זיכער אז אין דער דאָזיקער אָביעקטיווער עקאָנאָמישער לאַגע, זענען קליין די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, וואָס פאָדערן איבערהויפּט א לענגערע צייט. די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן וואָס פירן היינט אָן דאָס לאַנד, האָבן זיך נישט גערעכנט דערמיט, און אויסנוצנדיק דעם מאָמענט ווען עס איז אַנטשטאַנען די מלוכה, האָבן זיי אָנגעהויבן א שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר עמיגראַציע, אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע. די רעלאַטיוו גרויסע צאָל עמיגראַנטן וואָס זענען געקומען אין לאַנד אין ווייניקער פון א יאָר, אַן־ערך 200.000 מענטשן, האָט זיי געשטעלט פאַר א ריי פּראָבלעמען שווער צו דערלייזן, דערפאַר וואָס די איצטיקע רעגירונג, די צייטווייליקע ווי אויך די וואָס איז פאָרמירט געוואָרן נאָך די וואַלן, באַשטייט דאָס רוב פון רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מאַפּיי־מיטגלידער וואָס ווילן איבערהויפּט אויף קיין האָר ניט אָנרירן די בורזשואַזיע.

די שווערקייטן מיט וועלכע עס קעמפן די נייע עמיגראַנטן, זענען דער רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק פון פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואַזיע, און פון אונטערשטיצן דאָס אַריינדרינגען פונעם פרעמדן קאַפּיטאַל אין ישראל.

דורך דעם וואָס ס'איז נישט אָנגענומען געוואָרן קיין שום מיטלען צו באַגרענעצן די ספּעקולאַציע און דאָס שטייגן פון די פּרייזן בא אַרטיקלען פון ערשטער נויטווענדיקייט, זענען די פּרייזן געשטיגן אין 1949 מיט 37% אין פאַרגלייך מיט 1942, און נאָר אין איין חודש, פון מערץ 1949 ביז אַפּריל דאָס זעלבע יאָר זענען די פּרייזן געוואַקסן באַם ברויט מיט 28%, מאַרגאַרין 100%, צוקער 50%, באַנאַנען 250%.

מען האָט איינגעפירט די ראַציאָנאַליזירונג בא קליידער און אַלימענטן; מען האָט ראַציאָנאַליזירט אַפילו די מאַראַנצן וואָס זענען די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע.

די וועכנטלעכע ראַציעס זענען פאָלגנדיקע: 1־2 אייער, 150 גר. מאַרגאַרינע, 1/4 קר. מערן, ג.125 פלייש, און 500 גר. ווייצן מייל.

די אַרטיקלען פון ערשטער נויטווענדיקייט ווערן שפּעקולירט אויף דער שוואַרצער בערזע און זענען געגנצלעך פאַרשווונדן פונעם מאַרק. דער פּרייז פון בענזין איז געוואַקסן מיט 70%.

איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען פון ישראל איז די דירה־פּראָבלעם. צענער טויזנטער עמיגראַנטן וווינען אין שרעקלעכע באַדינגונגען, אין ענגע לאַגערס.

די דאַטן וואָס זענען פּובליצירט געוואָרן, רעדן פון 100.000 עמיגראַנטן אין די באַרימטע בית־עולים. פאַר א מיטלמעסיקער דירה צאָלט מען 3000 פונט אין וועלכע עס גייט אריין אויך אן אָפּטריטס־געלד פון 900—1000 פּאַלעסטינענזישע פונט.

דער מאַנגל אין וווינונגען איז א שטענדיקע זאָרג פאַר די עמיגראַנטן ווי אויך פאַר די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן.

די דאָזיקע וואָס האָבן אַזויפיל געליטן אויפן פראָנט האָבן נישט אפילו ווו דעם קאָפּ צו לייגן, נאָכדעם וואָס זיי באַפרייען זיך פון דער אַרמיי. דער דאָזיקער פאַקט האָט געבראַכט דערצו אז גרופּן דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן זאָלן באַזעצן מיט געוואַלט עלעגאַנטע וווינונגען פון תל־אביב און אַנדערע שטעט. אָבער די פּאָליציי פון מדינת ישראל האָט אינטערווענירט און ברוטאַליזירט זיי.

נעמענדיק אין באַטראַכט די שווערע באַדינגונגען פון וווינונג און עסן, זענען די איצטיקע לוינען פון די אַרבעטער בלי ספק נישט גענוגנדיק. אָבער די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָנפירער שטעלן זיך אנטקעגן יעדן פּרווו צו העכערן די לוינען; זיי פאָדערן קרבנות בא די אַרבעטער, בעת די בורזשואַזיע ווערט פעט פון שפעקולאַציע און גוטע געשעפטן.

די איצטיקע אָנפירער פון ישראל זאָגן אז יעדע לוין־העכערונג פאַר די אַרבעטער וואָלט פאַריאָגט דעם פרעמדן קאַפּיטאַל, וואָס מוז אומבאַדינגט דער־מוטיקט ווערן צו קומען קיין ישראל.

דער לוין פון אן אַרבעטער איז היינט אין דורכשניט פון 60 פּאַלעסטי־נענזישע פונט א חודש, פון וועלכע מען גיט 13,380 פונט פאַר שטייערן און דאָס איבעריקע פאַר עסן, דירה־געלד וואָס איז זייער הויך, קליידונג, שול־טאַקסעס פאַר קינדער א. א. ווי מען זעט, לעבט דער אַרבעטער אין ישראל שווער, קוים וואָס ער שלעפּט זיך, און דאָס נאָר ווען ער האָט אַרבעט. ווייל היינט איז איינע פון די ערשטע פּראָגעס, דער מאַנגל אין אַרבעט, די שטענדיקע און נישט שטענדיקע אַרבעטס־לאָזיקייט. לויט אָפיציעלע ציפערן זענען דאָ אצינד אין ישראל אן ערך 100.000 אַרבעטסלאָזע. די העלפט פון די וואָס האָבן עמי־גרירט אין דער לעצטער צייט, האָבן נישט קיין אַרבעט און מען באַמערקט דעם זעלבן פענאָמען אויך בא די וואָס זענען פון פריער אין ישראל. דער מאַנגל אין אַרבעט האָט געפירט צו פאַרביטערטער קאָנקורענץ צווישן די אַלטע איינוווינער און די ניי צוגעקומענע אין ישראל. די לעצטערע ווערן נאָך ערגער באַצאָלט, ווייל זיי קענען נישט די שפּראַך און דערנאָך, ווייל זיי זענען געצוווּנגען פונעם טאָגטעגלעכן לעבן, זיך צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ. אין תל־אביב, אין חיפה, זענען דאָ אמתע מערק פון אַרבעטס־כוחות, ווי די משרתים פון יידישע און פרעמדע קאַפּיטאַליסטן קומען אויסקלויבן די מענטשן לויט זייער מוסקל־קראַפט. דער אינדוסטריעלער פאַרבאַנד פון חיפה האָט באַשלאָסן נישט מער אויפצו־נעמען מענטשן איבער 35 יאָר.

די נייע עמיגראַנטן לעבן זייער שווער ווייל די אַלע פּראָגעס אַמפּליפיצירן זיך בא זיי איבער זייער אויסגעוואָרצלט־זיין און ווייל ס'זענען זיי אומבאַקאַנט די אָרטיקע מעגלעכקייטן. די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן נאָכדעם וואָס זיי האָבן גע־פירט א פאַרברעכערישע פּראָפּאַגאַנדע כדי זיי צו פאַרנארן קיין ישראל, אינ־טערעסירן זיך נישט מער מיטן גורל פון די עמיגראַנטן.

די אַרבעטסלאָזיקייט איז אין גרעסטן פּראָצענטאַזש אין די רייען פון די ניי־אָנגעקומענע, דער וווינונג־מאַנגל איז שטאַרק, דאָס דחקות אַלץ גרעסער.

נישט אונדז און נישט קיין אַנדערער לינקער ציַיטונג, געהערן די ווייטער־דיקע אָפּשאַצונגען וואָס מיר ציטירן און נאָר דעם אָרגאַן פון דער יידישער בור־זשואַזיע פון ישראל „הארץ". הערט וואָס זי שרייבט איבער אַן עמיגראַנטן־לאַ־גער פון ישראל:

„אויף בעטן, צווישן דערוואַקסענע און אַלטע ליגן ברוסט־קינדער אין די ווינדלעך, יונגלעך און מיידלעך דערוואַקסענע און אַנדערע נאָך עלטערע, שלאָפנדיק אַלע אויף דער קופּע. דאָס רוב זענען שמוציק אָנגעטאָן אין שמאַטעס...

די מיליטערישע פּאָליציי מאַכט אָפט ראַזיעס אין די לאַגערס, אַרעס־טירנדיק דעזערטאָרן און אַנטדעקנדיק נעסטן פון פּראָסטיטוציע. אין איינעם פון די לאַגערס האָט מען אַנטדעקט אַזאַ מין „אינסטיטוציע" אָנגעפירט פון אַן עמי־גראַנטקע פון רומעניע וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער ספּעציאַלי־טעט אויך אין איר אָפּשטאַמונגס-לאַנד (וואָס זי האָט פאַרלאָזט ווען עס איז איר אומעגלעך געוואָרן ווייטער צו פּראַקטיצירן איר ספּעציאַליטעט". א. נ.)... די פּראָס־טיטוציע קען בילדן אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פאַר אַסך פרויען. עס זענען פאַ־ראַן אויך עלטערן וואָס שיקן זייערע טעכטער... יונגע מיידלעך „אהיימברענגען פּרנסה". (דאָס איז דער „גן־עדן" וואָס ווערט באַזונגען פון די ציוניסטישע נאַ־ציאָנאַליסטן — א. נ.).

„קינדער און אַלטע, פרויען און מענער פון יעדן אַלטער וואַכן אויף אין דער נאַכט און טוען זייערע באַדאַרפעניש צווישן די בעטן."

„דאָס איז דאָס לעבן פון צענער טויזנטער מענטשן אין מדינת ישראל". שרייבט צום סוף „הארץ" פונעם 17־טן אַפּריל 1949.

נישט נאָר די זשורנאַליסטן אַפילו די אָנפירער פון מדינת ישראל רעדן איבער דער שווערער לאַגע פון די עמיגראַנטן.

הערט, צום ביישפּיל וואָס עס זאָגט ישראל גאָלדשטיין, דער פאָרשטייער פונעם עמיגראַציע ביוראָ:

„אז מען וועט נישט געפינען די מעגלעכקייט צו זאַמלען ביז סעפּטעמבער 1949, 850 מיליאָן דאָלער וואָס זענען נויטיק פאַר דער תיכפדיקער איינאָרד־נונג פון די עמיגראַנטן, וועט ישראל שטיין פאַר א שווערער קריזיס.

די שפּעטערדיקע עוואָלוציע פון די אומשטענדן, די פאַרערגערונג, פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די מאַסן, באַווייזט אַז מען האָט נישט געפונען די נויטיקע פאָנדן כדי צו לייזן די דאָזיקע פּראָגעס.

די דאָזיקע פינצטערע אויסזיכטן האָבן נישט געפירט די וואָס געפינען זיך היינט בא דער אָנפירונג אין ישראל צו די לייזונגען וואָס זאָלן ברענגען אן עפעקטיווע הילף פאר די ארבעטנדיקע מאסן וואָס קעמפן מיט גרויסע שוועריקייטן. בן־גוריון׳ס רעגירונג האָט נישט גענומען קיין שום מאָסמיטלען קעגן די אומבאגרענעצטע פארדינסטן פון די קאפיטאליסטן, קעגן דער אומפארשעמטער שפעקולאציע און קעגן דעם גיכן שטייגן פון די פרייזן. זי האָט נישט ארויפגעלייגט קיין שטייערן אויף די נישט געזעצלעכע פראָפיטן פון די סוחרים און פאבריקאנטן. נאָר בא דער צוזאמענשטעלונג פונעם נייעם בודזשעט האָט זי ארויפגעלייגט די גאנצע לאסט אויף די פלייצעס פון די וואָס ארבעטן. די לוינען פון די ארבעטער זענען באלאסטעט מיט מער פון 25% שטייערן און אלערליי טאקסעס, בעת די פארדינסטן פון די קאפיטאליסטן ווערן נישט קאָנטראָלירט און האָבן נישט קיין פראָגרעסיוון כאראקטער, לויט ווי עס האָט געפאָדערט די קאָמוניסטישע פארטיי אין ישראל.

די לייזונג וואָס עס האָט געפונען, נאָך גרויסע באמיונגען בן־גוריון און זיינע סגליכן, די רעכטע ציוניסטישע סאָציאל־דעמאָקראטן פון ישראל, איז געווען דער פראָגראם פון „שפאָרזאמקייט", וואָס דער פרעמיער האָט פאָרגעלייגט אין פארלאמענט דעם 26־טן אפריל ד. י.

וועלכע זענען די הויפט־פונקטן פונעם דאָזיקן פראָגראם, קאָפירט נאָכן פראָגראם פונעם „חשוב" סטאפאָרד קריפס, לאבוריסטישער פינאנץ־מיניסטער אין ענגלאנד?

ער פאָדערט דאָס איינפרירן פון די פרייזן, די רעדוצירונג פונעם אימפאָרט פון רוי־שטאָפן פון ערשטער נויטווענדיקייט, די ראציאָנאליזירונג פון די טעקסטיל־זאכן און פון די אלימענטן. בלי־ספק אז אזא פראָגראם וואָס זעט נישט פאָרויס קיין שום מאָסמיטלען קעגן די שפעקולאנטן און דעם פרעמדן קאפיטאל, וואָס פירט נישט איין קיין פראָגרעסיווע שטייערן, איז א נייער קלאפ געגעבן דעם לעבן־ניווא פון די ארבעטנדיקע מאסן פון ישראל, אזוי האנדלען די ציוניסטישע רעגירער, וואָס רעכענען זיך נישט מיט די באדערפעניש פון די מאסן און האָבן אין זינען בלויז די אינטערעסן פונעם יידישן און אינטערנאציאָנאלן גרויסן קאפיטאל.

די גאַנצע פאָליטיק פון דער רעגירונג קאָאליציע פון ישראל שטייט אויפן שטאנדפונקט פון פארטיידיקן די אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואזיע און פון די פרעמדע מאָנאָפּאָליסטישע טרוסטן. געבילדעט פון א רעכטער סאָציאל־דעמאָקראטישער מערהייט — די פארטיי מפא״י פון בן־גוריון—ארומנעמענדיק דעם רעליגיעזן בלאָק און די „פראָגרעסיסטישע" פארטיי, (פון דער גרויסער יידישער בורזשואזיע) שטעלט מיט זיך פאָר די רעגירונג פון מדינת ישראל, אויף א זייער קלאָרן אופן די הויפט־שטריכן פונעם ציוניסטישן נאציאָנאליזם.

זיין אינערלעכע פאָליטיק איז אלץ רעאקציאָנערער. דער שאָוויניזם, דער אנטי־קאָמוניזם, דאָס דערשטיקן די פאָלקס־באוועגונג פאר אומאָפּהענגיקייט

און פאר א בעסער לעבן, פארשפרייט זיך אלץ מער, אלס רעגירונג־מעטאָדן אין ישראל.

די ציוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון ישראל, באמיט זיך צו שאפן א מלוכה צוגעפּאסט צו די באדערפענישן פון דער יידישער בורזשואזיע און פון די ענגליש־אמעריקאנישע רעאקציאָנערע קרייזן.

א באווייז צו דעם פאקט, איז דער אופן אין וועלכן עס איז רעדאקטירט געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון ישראל, אין וועלכער מען דערמאנט נישט פון קיין גאראנטיע פארן רעכט אויף ארבעט, אויף רו; די קאפיטאליסטן ווערן אָבער פארזיכערט אז מען וועט קיינמאָל נישט אוועקנעמען זייערע אונטערנעמונגען אָן א „דירעקטער קאָמפּענסאציע."

די קאָאַליציע פון די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראטן מיט די קלעריקאלן האָט ארויפגעלעגט איר שטעמפּל אויף דער ציוניסטישער רעגירונג פון ישראל. אזוי אנטהאלט דער אריינפיר פון דער קאָנסטיטוציע א „לויב" דעם „אלמעכטיקן" וואָס האָט געבראכט די ציוניסטן אינעם אוראלטן לאנד. גאָרנישט וועגן די רעעלע פאקטאָרן וואָס האָבן באפרייט ישראל פון דער הערשאפט פונעם ענג־לישן אימפּעריאליזם. רעדן וועגן די דאָזיקע פאקטאָרן הייסט אָנערקענען דעם קאמף פונעם סאָוועטן־פארבאנד.

די אָפּאָרטוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראטן פון ישראל, ווילן באהאלטן די דאָזיקע זאך, אזוי ווי ס'האָט עס געטון אויף א דירעקטן אופן דער ישראלי־שער פּרעמיער אין א דעקלאראציע אין פּארלאמענט.

די רעאקציאָנערע קאָאליציע וואָס געפינט זיך בא דער אָנפירונג אין יש־ראל, גייט אויף דער ליניע פון די מארשאליזירטע רעגירונגען פון אייראָפּע אונ־טערדריקנדיק אומברחמנותדיק, יעדע ארבעטער־באוועגונג, זוכנדיק צו דער־שטיקן אין בלוט, דעם אלץ שארפערן קלאסן־קאמף וואָס קומט דאָרט פאָר.

אזוי ווערן צעטריבן די ארבעטער־דעמאָנסטראציעס מיט די גומי־שטעקנס פון די פּאָליציסטן אינסטרואירט פון ספּעציאליסטן וואָס זענען פאָרמירט געוואָרן אין דער שול פונעם ענגלישן אימפּעריאליזם, און לעצטנס פונעם אמע־ריקאנישן, אין ישראל איז פאראן א פּאָליציי־מיניסטער וועמען ס'איז צוגע־טיילט געוואָרן אין בודזשעט א מאָנאטלעכע סומע פון 500.000 פּאַלעסטי־נענזישע פונט בעת דער אונטעריכט־מיניסטעריום באקומט בלויז 250.000 פונט.

דער קלאסן־קאמף באקומט אן אלץ שארפערן כאראקטער אין ישראל, נישט געקוקט אויף די באמיונגען פון דער רעאקציע אים צו דערשטיקן. די צאָל שטרייקן, און די צאָל אָנטיילנעמער אין די דאָזיקע שטרייקן, וואקסט אלץ מער. דעמאָנסטראציעס פון ארבעטסלאָזע און פון מענטשן אָן וווינונגען, פון די דעמאָביליזירטע סאָלדאטן וואָס האָבן נישט קיין ארבעט און קיין דירה, דער הונגער־שטרייק פון די 10.000 עמיגראנטן פונעם לאגער פרדס־חנה, די דראָהונג מיט אן אלגעמיינעם שטרייק פון די מלוכה־באאמטע פון חיפה און פונעם צפון־געביט פון ישראל, טאָמער מען העכערט נישט זייערע לוינען, דאָס

אַלעם איז פון איין זייט אַ קאָנסעקוועניץ פון דער רויב-פּאָליטיק פון די רעגירנ־דיקע ציוניסטישע סאָציאַליסטן פון ישראל, פון דער אַנדערער זייט, אַ באַווייז פונעם וווּקס פון דער קעמפערישקייט פון די דאָרטיקע פאָלקס־מאַסן. אין דער זעלבער צייט געבן זיי אַ טויט־קלאַפּ דער ציוניסטישער „טעאָריע" איבער דער אינעקזיסטענץ פון די קלאַסן און פונעם קלאַסן־קאַמף אין די רייען פון די יידן.

דער שאָוויניזם נעמט אָן אַ בכבודיקן אָרט ביי די ציוניסטישע־נאַציאָנאַ־ליסטן פון ישראל. דאָס באַטראַכטן די יידישע שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון דער גרויסער מערהייט פון די פּריש אימיגרירטע יידן אין ישראל, ווי אַ פרעמד־שפּראַך און דאָס פאַרווערן זי, דאָס נישט דערלויבן צו דערעפענען אַ יידיש טעאַטער, באַווייזן די פאַרפרעמדקייט פון די ציוניסטישע אָנפירער, פונעם לעבן פון די מאַסן.

די פאַרשאַרפונג פונעם שאָוויניזם האָט דערפירט נישט נאָר צו דעם ברוסקירן פונעם סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל, מאיר ווילנער ווייל, ווערנדיק געפרעגט ביי אַ רעקרוטיר־שטעלע וואָס פאַר אַ שפּראַכן ער קען, האָט ער געענטפערט אַז ער האַלט יידיש פאַר זיין שפּראַך, אָבער אויך צו דעם מאַלטראַטירן פון אַ בירגער וואָס האָט „געוואַגט" צו רעדן יידיש אויף די תל־אביבער גאַסן, דורך אַ ציוניסטישן נאַציאָנאַליסט, פאַרסמט פון דער שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון זיינע אָנפירער.

דער שאָוויניזם בליט אָבער, דער עיקר לגבי דער אַראַבישער באַפעל־קערונג. כאָטש די קאָנסטיטוציע פון ישראל זעט פאָר די פולע גלייכבאַרעכ־טיקונג פון אַלע די וואָס וווינען אין ישראל, און די אַראַבישע שפּראַך אַלס אַ „געבראויכס שפּראַך" טראָצדעם זענען אָן אַ שיעור די רעפּרעסיע־מיטלען קעגן די אַראַבער. אפילו נאָכן פאַרענדיקן פונעם קריגס־צושטאַנד, ווערן טויזנטער אַראַבער עקספּולזירט איבער די גרענעצן פון ישראל.

לויט עס מאַכט באַקאַנט די אַגענטור „אַסאָשייטעד־פּרעס" זענען עקס־פּולזירט געוואָרן 1500 אַראַבער פונעם דאָרף באַקאַ גאַרביאַ אינעם געביט טולקאַרעם. דער קוואַרטאַל וואַדי ניסנעס פון חיפה, באַוווינט פון אַראַבער איז געוואָרן אַטאַקירט אין חודש מיי, ד. י. פון אַ גרופּע ציוניסטישע נאַציאָנאַ־ליסטן, וואָס האָבן אַרויסגעיאָגט פון זייערע היימען די אַראַבער. צווישן די דעוואַסטירטע הייזער געפינען זיך אויך די פונעם סעקרעטאַר פון דער ק. פּ. פון ישראל, טוופיק טובי און פונעם סעקרעטאַר פון דער ליגע פאַר נאַציאָנאַ־לער באַפרייונג, עמיל חביבי.

די פאַרהאַפטונגען פון די אַראַבישע פּראָגרעסיסטישע פירער מאַכט מען אָן שום בושה. אַזוי איז פאַרהאַפטעט שוין זייט אַ לענגערער צייט סאַלעם־על־קאַסים, אַן אָנפירער פון דער אַראַבישער אַרבעטערשאַפט, און איר פאָר־שטייער באַם פּ.ס.מ.

אָדע־על־שאַב, אַנפירער פון דער אראבישער יוגנט — איז אויך ארעסטירט. דער קאָמוניסטישער יוגנט־פארבאנד פון ישראל, האָט זיך געווענדט צום פ.מ.ט.ד. כדי צו אינטערוועניר̈ן פאר̈ן ארעסטירטן.

די דאָזיקע שאָוויניסטישע פּאָליטיק איז א פועל־יוצא פון דער פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער דערציונג פון די ציוניסטישע אָנפירער. אויפן פּראָטעסט וואָס ס. מיקונים, גענעראל־סעקרעטאר פון דער י. ק. פּ. האָט פאָרגעבראכט אין פארלאמענט, אין פארבינדונג מיט די מאָסמיטלען קעגן די אראַבער, האָט דוד רמז, מיניסטער פונעם פארקער געגעבן אן ענטפער וואָס איז אינספּירירט בלי־ספק, פון „מיין קאמף" פונעם תליון היטלער „איך בין גליקלעך וואָס מיר יידן זענען סוף כל סוף אויך אומשטאנד צו זיין א נאציע וואָס קען אונטערדריקן אנדערע נאציעס." דער הער רמז איז א מיטגליד פונעם מפא"י, וואָס איז כלומרשט א „סאָציאַליסטישע" פּארטיי. מיר וואָלטן אים באדארפט דערמאנען אין מארקס פאָרמולע „עס קען נישט פריי זיין א פאָלק וואָס אונטערדריקט אנדערע פעלקער."

און דער אינערן־מיניסטער יצחק גרינבוים האָט געזאָגט מיט דערזעלבער געלעגנהייט אז ער איז שטאָלץ וואָס מען מאכט אים אזעלכע פּאָרווורפן. די דאָזיקע הערן האָבן גאָרנישט אָפּגעלערנט פון דער פארגאנגענהייט.

טוופיק טובי, סעקרעטאר פון דער י. ק. פּ. און דעפּוטירטער אינעם ישראליטישן פארלאמענט האָט געזאָגט בא א זיצונג:

„דער דאָזיקער גרופּע בירגער (אראבער — א.נ.) פון ישראל האָט מען אוועקגענומען דאָס רעכט פון פריי זיך באוועגן אין לאנד. דאָס לעבן פון די דאָזיקע בירגער אין די שטעט איז ענלעך צום לעבן פון די יידן אין געטאָס; 90% פון די אראבישע ארבעטער זענען ארבעטסלאָז. די אראבישע פּויערים ווערן פאריאָגט פון זייערע דערפער און ארויסגעשיקט איבער דער גרענעץ. אראבישע בירגער ווערן ארעסטירט אָן ספּעציעלע מאנדאטן. די אידענטיטעט־בולעטינס פון די אראבער זענען פארצייכנט מיט אות „ב" כדי זיי צו דערקענען פון די איבעריקע איינוווינער."

אזוי זעט אויס די "נאציאָנאלע„ פּאָליטיק פון א רעגירונג איבער וועלכער דער פראנצויזישער ציוניסט הערש מענדעל זאָגט אז זי איז דער אויסדרוק פון דער סאמע דעמאָקראטישער מלוכה פון די נישט סאָציאַליסטישע מלוכות. ער איז נאָך באשיידן ווייל אליעזער קאפלאן, פינאנץ־מיניסטער פון ישראל האָט דערקלערט בעת זיין באזוך אין ניו־יאָרק, נישט מורא האָבנדיק אז ער וועט אָפּשרעקן די אמעריקאַנישע באַנקירן: „די איצטיקע רעגירונג איז א סאָציאַליסטישע רעגירונג...

ער האָט אָבער באלד צוגעגעבן: „...ס'איז אָבער נויטווענדיק אז מיר זאָלן וויסן ווי צו פארטיידיקן דעם קאפּיטאל פאר דעם אנטוויקלען פונעם לאנד..."

די ציוניסטן וואָס פירן היינט אָן די מלוכה ישראל זענען שטאַרקע אַנטי־קאָמוניסטישע קעמפער. „די לינקע" בילדן נישט קיין אויסנאַמע פון דער דאָזיקער אָנפירונג־נאָרמע פון די יידישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן.

די קאָמוניסטן שטייען אצינד אין ישראל באַ א שריט פונעם אילעגאַליזירן. דורכבלעטערנדיק דעם צענטראַל אָרגאַן פון י.ק.פּ. „קול העם" זעט מען אויף אַסאַך זייטן דעם קלישיי וואָס שטעלט פאָר א מענטש מיט א שלאָס אויפן מויל. דאָרט האָט געשניטן די צענזור פון דער ישראַלישער „דעמאָקראַטיע". די קאָמוניסטישע צייטונג איז איבעריגנס די איינציקע צייטונג וואָס ווערט צענזורירט.

די פאַרפאָלגונגען קעגן די קאָמוניסטן זענען אין א גרויסער חשיבות באַ די ציוניסטישע אָנפירער פון ישראל. אצינד קענען זיי אָנווענדן וואָס זיי האָבן געלערנט בעת זיי האָבן געדינט אלס פּראָוואָקאַטאָרס אין דינסט פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן קעגן די קאָמוניסטישע קעמפער.

אינעם נייַ אויסגעוויילטן פּאַרלאַמענט, אין יאַנואַר 1949 באַ דער פאָרמירונג פון פאַרשידענע פּאַרלאַמענטאַרע קאָמיסיעס, זענען די קאָמוניסטן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמפּאָנענץ פון איינציקע קאָמיסיעס, צווישן וועלכע אויך פון דער פאַרטיידיקונגס־קאָמיסיע. דער פאַראַט וואָס די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן צוגעגרייט און וואָס זיי פאַרפולקומען היינט, פּאַסט נישט גוט צוזאַמען מיטן קאַמף פון די קאָמונסיטן פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטס־מענטשן.

אומצאָליקע אַראַבישע קאָמוניסטן ווערן אַרעסטירט און געהאַלטן אומגעזעצלעך אין לאַגערס און תפיסות. אַסך צייט נאָכדעם וואָס די טעריטאָריע פון ישראל איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די אַראַבישע באַנדעס, זענען 25 אַראַבישע קאָמוניסטן געהאַלטן געוואָרן אין א לאַגער באַ אטליט, ווו עס האָבן זיי פאַרמאַכט די משרתים פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, ווייל זיי האָבן געקעמפט קעגן דער מלחמה וואָס עס האָבן געפירט די אַראַבישע באַנדעס קעגן דער יונגער מלוכה ישראל.

די איינוווינער פונעם אַראַבישן דאָרף טאַמאַרא, באַקאַנט פאַר זייער סימפּאַטיע צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ישראל האָט מען געדראָט מיטן פאַריאָגן פונעם דאָרף, טאָמער זיי וועלן שטימען פאַר די קאָמוניסטן. די דראָהונג איז געקומען מצד דעם קבוץ כפר מאַסאַריק וואָס באַשטייט אין דער מערהייט פון מפ"ם־מיטגלידער.

אין נאַטאַניע האָט דער אַזוי גערופענער שטעטישער אַרבעטער־קאָמיטעט, נישט געוואָלט אַריינעמען אין ראַמען פון דער קאָמיסיע אויף צו פּלאַסירן אַרבעטסלאָזע דעם פאָרשטייער פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

באַ יהודה האָט די אָרטיקע פּאָליציי דעוואַסטירט און פאַרזיגלט א לאָקאַל פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

עס איז א געוויינלעכע זאך דאס ארעסטירן פון די קאמוניסטן וואס געפינען זיך אין שפיץ פון די מיטינגן און פראטעסט־דעמאנסטראציעס קעגן דער אונטערדריקערישער און עקספלואטאטארישער פאליטיק פון די מאסן, מצד די ציוניסטישע רעגירער פון ישראל.

די שאוויניסטישע און אנטי־קאמוניסטישע פאליטיק ווערט דורכגעפירט אין ישראל אויך מיט דער הילף פון דער רעאקציאנערער און אפארטוניסטישער אנפירונג פונעם הסתדרות (ארבעט־קאנפעדעראציע) ארגאניזירט אויף א שאוויניסטישער באזע און באשטייענדיק נאר פון יידישע ארבעטער, געפינט זי זיך אונטערן אומיטלבארן איינפלוס פון דער רעכטער סאציאל־דעמאקראטיע וואס ווערט פארגעשטעלט פון מפא״י.

דער ביראקראטישער אפאראט וואס געפינט זיך בא דער אנפירונג פון דער דאזיקער טרעד־יוניאניסטישער ארגאניזאציע, פארצוימט דעם ישראלישן פראלעטאריאט. דאס צוטיילן צו דער ארבעט, די באוויליקונג פון דירות הענגט אפ נאר פון דער צוגעהעריקייט צום מפא״י, וואס האט געשטעלט אין קאן אלע מיטלען וואס די סינדיקאטן פארמאגן כדי צו ברעכן יעדע אפאזיציע.

די אנפירונג פונעם הסתדרות האט א האלטונג פון שפאלטן די אינטערנאציאנאלע סינדיקאלע איינהייט. גאלדע מאיערזאהן, אנפירערן פונעם מפא״י ארבעטס־מיניסטער אין דער איצטיקער רעגירונג, האט געפאדערט דאס יאר באם 7־טן קאנגרעס פון די סינדיקאטן פון ישראל מען זאל פארלאזן די פ. ס. ס. די אפאזיציע איז אזוי שטארק געווען אז די ביראקראטישע קאסטע וואס פירט אן דעם הסתדרות האט געמוזט קומען צו א קאמפראמיס. באם קאנגרעס פון מילאנא פון דער פ.ס.ס. האט מען געשיקט אן אבסערוואטאר און נישט קיין דעלעגאציע. עס איז א בהדרגהדיקער איבערגאנג צו די פאזיציעס פון די רעאקציאנערע לידערס פון די סינדיקאטן פון ענגלאנד און פון די פאראייניקטע שטאטן, נאך וועלכע עס ריכטן זיך נישט נאר אין די סינדיקאלע פראגן, די איצטיקע רעגירער פון ישראל.

דער הסתדרות — לויט מיר האבן שוין געוויזן — לייקנט אפ די נויטווענדיקייט פונעם קלאסן־קאמף אין ישראל און פריידיקט די הארמאניע צווישן די ארבעטער און קאפיטאליסטן. די דאזיקע האלטונג פון די רעפארמיסטישע אנפירער וואס שטייען אין שפיץ פון די סינדיקאטן ווערט אפלאדירט נישט נאר פון דער אינערלעכער רעאקציע, אבער אויך פון די אינטערנאציאנאלע טרוסט־אנפירער וואס זעען אין ישראל אן ערנסט געשעפט איצינד ווען עס הייבן אן ווערן זעלטענער די מעגלעכקייטן פון רווחים־ברענגענדיקע אינוועסטיציעס.

די ישראלישע בורזשואזיע לעגט גרויסע האפנונג אויפן אריינדרינגען פונעם פרעמדן קאפיטאל אין לאנד. זי וויל מיט זיין הילף זיך פארשטארקן די עקאנאמישע מאכט און געפינען גלייכצייטיק א שטיצע כדי צו צוימען די פאלקס־באוועגונג פאר באפרייונג. צאלרייכע ציוניסטישע אנפירער פון ישראל פארוועטן זיך אין מאכן ליבעס־דערקלערונגען דעם אמעריקאנישן אימפעריא־

ליזם. ווען זיי לאדן איין אָן בושה צו ברענגען קאפּיטאַל אין ישראל ווייל עס איז אָן אָרט פאַר אינוועסטיציעס וואָס קען ברענגען גרויסע רווחים.

אזעלכע דערקלערונגען האָט געמאַכט אליעזר קאַפּלאַן, וואָס האָט געזאָגט בא א פּרעסע־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק: „דער אינוועסטירטער קאַפּיטאַל אין ישראל וועט נישט זיין ווייניקער באוואָרנט ווי אין ענגלאַנד אָדער אין אַנדערע לענדער, אָדער דער קאַפּיטאַליסט גרעץ, דער באזיצער פון דער געזעלשאַפט פאַר שיף־אימפּאָרט און עקספּאָרט „דיזענגאָף ענד קאָמפּאַניע" וואָס האָט געזאָגט אין יוני 1949 אויך אין ניו־יאָרק: „אין ישראל איז ברייט אָפן דער טויער פאַר רווחים־ברענגענדיקע אינוועסטיציעס אין דאָלאַרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָ (דאָס הייסט אין די פאַראייניקטע שטאַטן — א.נ.) איז מען נישט גוט אינפאָרמירט וועגן די מעגלעכקייטן צו מאַכן גוטע געשעפטן אין ישראל. די רעגירונג פון מדינת ישראל איז אומשטאַנד נאָכצופאָלגן דער פּאָליטיק איבער וועלכער מיר האָבן געשריבן, כדי צו שאַפן די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל", באוויזן ווי נידעריק די ציוניסטישע רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געפאַלן גענוי ווי די בורזשואַזיע וואָס שטיצט זיך אויף איר אין ישראל. די קאַפּיטאַליסטן באקומען מצד די ישראלישע רעגירער די פאַרזיכערונג אז זיי וועלן לעבן ווי אין א גן־עדן אין דעם לאַנד און אז דער אמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם וואָס ברענגט מיט זיך פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע וועט נישט געשטערט באַלעבאַטעווען און דאָס אַלץ אונטער דעם שוץ פונעם „סאָציאַליסט" בן גריון.

די אמעריקאַנישע געשעפטסלייט ווערן נישט געלאָקט נאָר צוליב די פאַרדינסט־באַדערפעניש, כאָטש די דאָזיקע זאַך איז זייער וויכטיק איבער דער קריזע וואָס האָט זיך אָנגעזאָגט אין וואָל־סטריט. די רעגירער פון ישראל זענען גרייט צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין א סטראַטעגישער מיליטערישער באַזע פאַר די אגרעסיווע פּלענער פון דער אַלוועלטלעכער רעאַקציע. זיי ווילן שפּילן א ראָלע אין דער אַנטיסאָוועטישער מלחמה וואָס עס גרייטן פּיבערהאַפט די אמעריקאַנישע אימפּעריאַליסטן. די רעגירער פון ישראל זענען גרייט אריינצוטרעטן אין פאַרשידענע בלאָקן און פּאַקטן פונעם מיטלענדישן ים אָדער פונעם נאָענטן מזרח.

עס שטערט זיי נישט צו האָבן לעבן זיך אַלס פּאַרטנערס די גריכישע מאָנאַרכאָ־פאַשיסטן אָדער די טערקישע פאַשיסטן. וויכטיק פאַר זיי איז אז זיי קענען טאַנצן ווי עס שפּילן זיי די אמעריקאַנער...

די רעאַקציאָנערע אָוונט־צייטונג פון תל־אביב „מעריב" האָט געשריבן דעם 6־טן יאַנואַר 1949:

אמעריקע שעצט די אינדוסטריעלע מאַכט פון מדינת ישראל אַלס א הינטערלאַנד וואָס איז נאָענט צום טערקישן פראָנט. אמעריקע וואָלט געווען זייער צופרידן ווען די מלוכה ישראל וואָלט צוגעשטאַנען צום מערב־בלאָק.

דער טערקישער פראָנט... קעגן וועמען? עס איז די רייד בלי־ספק פון דער מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

כדי צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע באַגערן פונעם אַמעריקאַנישן אימפּע־ריאַליזם, האָט מנחם באדער, מלוכהשער אונטער־סעקרעטאַר אין דער געוועזענער ציוניסטישער ... מלוכה דערקלערט אַז מען מוז אָפּלעגן די אַנטוויקלונג פון דער אַגריקולטור און פון דער אינדוסטריע אין ישראל, ווייל די איצטיקע דרינ־גענדיקע אויפגאַבע איז בויען סטראַטעגישע שאָסייען אין ישראל. די דאָזיקע דערקלערונגען זענען געווען אַן ענטפער צו די דערשינענע אַרטיקלען אין דער אַמעריקאַנישער פּרעסע, וואָס האָבן „געראָטן" ישראל צו ווערן אַ וויכטיקע סטראַ־טעגישע באַזע אינעם נאָענטן מזרח.

אדאנק איר פּאָזיציע, איז דאָס באַזיצן פון דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן איינפלוס אין ישראל אַנטשיידנדיק פאַר דער דאָמינאַציע איבערן גאַנצן נאָענטן מזרח. דערפאַר אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פונעם קאַמף וואָס ווערט געגעבן היינט פאַר דעם געווינען דעם דאָזיקן מאַרק פונעם אַמעריקאַנישן אימ־פּעריאַליזם וואָס וויל פאַרייאָגן דעם ענגלישן, ווילן די רעגירער פון ישראל וואָס מער פאַרדינען. פילנדיק אַז זיי פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס האָבן די ענגלישע אימפּעריאַליסטן מסכים געווען לעצטנס צו דעבלאָקירן געוויסע געלד־סומען פון ישראל וואָס האָבן זיך געפונען אין ענגלאַנד אין ווערט פון 30.000.000 פונט. ביז איצט האָבן די ענגלענדער נישט געוואָלט דערפון הערן.

טראָצדעם פּילט מען אַלץ מער דאָס אַריינדרינגען פונעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל. די ישראלישע רעגירונג טוט אַלעס מעגלעכע דערצו, למשל, לויט עס האָט געזאָגט ראָבערט נתן, דער דירעקטאָר פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיי־לונג פון דער יידישער אַגענטור פון ניו־יאָרק, „די רווחים און די דיווידענדן פון די אַמעריקאַנישע אינוועסטיציעס אין ישראל וועט מען באַצאָלן אין דאָלאַרס, אַלץ איינס צי זיי זענען געמאַכט געוואָרן אין דאָלאַרס אָדער אין אינדוסטריעל עקיפּאַמענט, פאַבריצירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן". אַלץ דער זעלבער האָט נאָך דערקלערט אַז מען באַווילִיקט דערלויבעניש מצד דער רעגירונג פון מדינת ישראל פאַרן טראַנספער פון קאַפּיטאַל און פאַרגרעסערן דעם האַנדל און אַ נייער רעגולאַמענט פונעם ישראלישן פינאַנץ־מיניסטעריום, באַווילִיגט אַ ריי באַפרייונגען פון אימפּאָרט־טאַקסעס פאַר די אַמעריקאַנישע פּראָדוקטן.

דער ציוניסטישער אָנפירער האָט אָנגעוויזן אַב בושה, אַז פונעם אַמע־ריקאַנישן שטאַנדפּונקט, וועט ישראל ווערן אַ וויכטיקער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר מאַשינען".

דער וויכטיקער שריט צו דער „אַמעריקאַניזירונג" פון ישראל איז גע־מאַכט געוואָרן דורך דער באַווילִיקטער אַמעריקאַנישער הלואה פון 100.000.000 דאָלאַרס. דאָס פירט צו דער גענצלעכער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פאַר־קנעכטונג פונעם לאַנד.

זיין פּאָליטישער כאַראַקטער איז נישט צו פאַרלייקענען, ווייל ער ווערט געגעבן אין סאַמע וואַל־קאַמפּאַניע, א רעגירונג. פּרעזידירט אליין פון בן־גוריון. די באַדינגונגען פון דער הלואה זענען דערנידרעקנדיק. קיין דאָלאַר טאָר נישט באַרווענדט ווערן אָן דער באַווילּיגונג פון דער אימפּאָרט־עקספּאָרט באַנק פון ניו־יאָרק; די סחורות מוז מען קויפן נאָר אין די פאַרייניקטע שטאַטן און זענען באַפרייט פון צאָל, און די רעגירונג פון ישראל איז פאַרפליכטעט נישט צו מאַכן קיין שום אינוועסטיציע אין נגב, וואָס בילדעט פאַר ישראל די באַזע פון איר קינפטיקער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג.

דאָס באַקומען די נדבה פון 100.000.000 דאָלאַר פירט צו דער גענצלעכער פאַרקנעכטונג פון בן־גוריונס רעגירונג צו די פּלענער פון דער אימפּעריאַליסטישער עקספּאַנסיע פון אַמעריקע.

דער אַריינדרינג־פּראָצעס פון די אַמעריקאַנישע טרוסטן פאַרשטאַרקט זיך. לעבן די עקזיסטירנדיקע נאַפט, באַנק, אימפּאָרט און עקספּאָרט געזעלשאַפטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן מיט ענגלישן און אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל ווי למשל, די נאַפט־ראַפינעריעס פון חיפה וואָס געהערן צו „גענעראַל עלעקטריק קאָרפּאָריישן", „איראַק פּעטראָלעום קאָמפּאַני", אָדער די געזעלשאַפטן פאַר דער פאַרטיילונג פון נאַפט־פּראָדוקטן „שעל און וואַקום אויל", די בענק „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק", „באַרקליי־באַנק", די אימפּאָרט־געזעלשאַפטן „שטיל" (פאַר אַלימענטן) און „פּאַלבריק" (פאַר טעקסטיל), די געזעלשאַפט פאַר עלעקטרע פון ירושלים. די געזעלשאַפט און די עלעקטרישע זאַוואָדן „רוטענבערג" א. א.", זענען דערשינען אין דער לעצטער צייט ווי די שוועמלעך, אַלערליי אונטערנעמונגען, געשאַפן פונעם גרויסן אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל.

אזוי למשל, האָט דער פינאַנציעלער קאָנצערן פון די פאַרייניקטע שטאַטן „קון און לעב" געשאַפן א ריזיקע „פּאַלעסטינענזישע עקאָנאָמישע געזעלשאַפט" וואָס נעמט אַרום די פאַרשידנאַרטיקסטע טעטיקייט־צווייגן פון דער ישראלישער עקאָנאָמיע.

צווישן אַנדערע האָט דער דאָזיקער טרוסט געשאַפן ביז איצט „צענטראַל־לאָאַן אַנד סעווינג באַנק" (צענטראַלע ליי־באַנק און רעעסקאָנט) „צענטראַלע באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס", געזעלשאַפט פאַרן בוי פון הייזער, געזעלשאַפט פאַר דער פאַרשאַפונג פון וואַסער (וואַטער סופּלי קאָמפּאַני) דער דאָזיקער טרוסט באַטייליקט זיך נאָר בא דער „פּאָטאַש קאָמפּאַני" בא א האָטעל־אונטערנעמונג, וואָס באַזיצט די גרעסטע האָטעלס פון ישראל צווישן וועלכע אויך דער האָטעל „קינג דוד".

חוץ דעם זענען נאָך געשאַפן געוואָרן א פילם־געזעלשאַפט „פונאַראַ", וו עס באַטייליקן זיך פּראָדוצירער פון האָליוווד. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן א טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט „אַמעריקע־ישראל".

דאָס זענען די ערשטע צייכנס פונעם מעכטיקן אַריינדרינגען פונעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם אין ישראל. די פאָלגן פונעם דאָזיקן פאַקט ווי אויך

פון דער „מארשאַליזירונג" פונעם לאַנד האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויסצווייזן אינעם וווּקס פון דער אַרבעטסלאָזיקייט, פון די פרייזן, אין דער פאַרשטאַר־קונג פונעם דחקות פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ישראל, דאָס אָבער שטערט נישט, וויפל שוואַרץ אונטערן נאָגל, די רעגירער פון ישראל.

א וואָרט־טרעגער פון דער ישראלישער רעגירונג פאַר די עקאָנאָמישע פראַגעס, ה. אָ. אָפּיען, האָט דערקלערט: „די פּרעמדע אונטערנעמונגען וועלן זיך מוזן פילן פּראָטעזשירט. מיר וועלן מוזן זיי געבן פאַרשידענע פּריווילעגיעס, צווישן וועלכע אויך די באַפרייונג פון טאַקסעס אויף א געוויסער צייט. דאָס הייסט, אַז מען זאָל זיך איבערגעבן מיט געבינענע הענט און פיס אין די הענט פונעם אימפּעריאַליזם. קיין שום צוריק־האַלטן אין דעם.

אָבער די פאָלקס־מאַסן פון ישראל זענען נישט מסכים מיט דער דאָזיקער פּאָליטיק פון פאַרשקלאַפונג און רויב, פון פאַראַטן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די קאַמפן וואָס זיי פירן אין דער לעצטער צייט, דער פאַקט וואָס בא די וואַלן זענען זיי געגאַנגען מיט יענע ציוניסטישע גרופּירונגען וואָס האָבן פּרעזענטירט אויף א דעמאַגאָגישן אופן א פּראָגראַם פון פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן כדי אָפּצונאַרן דעם דורשט נאָך גערעכטיקייט פון די דאָזיקע מאַסן, דער פאַקט וואָס אין די דאָזיקע וואַלן איז זייער געוואַקסן די צאָל שטימען פאַר די קאָמוניסטן, דאָס אַלעס איז א באַווייז פונעם וווּקס פון דער פּאָליטישער באַוווּסטזיניקייט פון די מאַסן. דער קאַמף מיטן געוועזער אין דער האַנט קעגן דעם אימפּעריאַליסטישן איבערפאַל, האָט פאַרגרינגערט דעם פּראָצעס פון רייפוּוערן, אָבער אַסך האָבן זיי נאָך צו לערנען די אַרבעטס־מענטשן פון ישראל. דער צוטרוי וואָס זיי האָבן גע־שענקט דער ציוניסטישער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרשווינדט צוביס־לעך, דורך זייער אַנטגילטיקער איבערצייגונג פון דער דאָזיקער דעמאַגאָגיע.

די קאָמוניסטן זענען די וואָס פירן אַן אומדערמידלעכן קאַמף כדי צו זאַמלען די מאַסן אַרום דעם אַרבעטער־קלאַס פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם לאַנד קעגן דער אינוואַזיע פונעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם.

א וויכטיקער מאָמענט אין דער קאָנסאָלידירונג פון דער לאַגע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל איז געווען די דורכפירונג פון דער אינטער־נאַציאָנאַליסטישער איינהייט פונעם פּראָלעטאַריאַט פון ישראל דורך דער שאַ־פונג פון א קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָס זאָל אַרומנעמען די יידישע און אַראַ־בישע אַרבעטער.

די קאָמוניסטן קעמפן אומאויפהערלעך כדי צו רעאַליזירן די אַקציע־איינ־הייט פונעם אַרבעטער־קלאַס, פאָדערנדיק אַז די פּאַרטיי מפּם זאָל גיין אין אַן איינהייטלעכן פראָנט מיט דער ק. פּ. י. די דאָזיקע זאָגן זיך אָבער אָפּ אונטער די פאַרשידנאַרטיקסטע אויסרעדן. די דאָזיקע אַנטי־קאָמוניסטישע פּאָ־ליטיק פונעם מפּ"ם האָט דערפירט צום פאַרלוסט פון זייער פּאָפּולאַריטעט, פאַרלירנדיק אין די לעצטע וואַלן כמעט 50% פון די שטימעס אין פאַרגלייך צו די וואַלן פון 1946.

ס. מיקונים האָט אָנגעוויזן, נאָכן אָפּזאָגן זיך פון מפ"ם, אז דער אָפּשלוס פון אן איינהייטלעכן פראָנט, וואָלט באַטייט אן ערנסטער אָפּהאַלט פאַר דער פארשטארקונג פונעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער רעגירונג און וואָלט געווען דערמעגלעכט אן אנטשלאָסענעם קאַמף פאַר א דעמאָקראַטישער מלוכה.

אויב מיר ווילן ווירקלעך שאַפן אַ קאָנקרעטע ענדערונג — האָט געזאָגט מיקונים — אין דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער צייט־ווייליקער רעגירונג, פארשטייען דען נישט די אָנפירער פונעם מפ"ם אז אן איינציקע פּאַרטיי האָט נישט די דאָזיקע מעגלעכקייט נאָר א פראָנט פון די פּאַרטייען וואָס זאָל מאָביליזירן אויף א ברייטער באַזע די ארבעטנדיקע באַפעלקערונג פון די שטעט און דערפער?

אסך ארבעטער וועלן זען אין דעם דאָזיקן איינהייטלעכן פראָנט א רעלן ווידערשטאנד לגבי דער גווערנאמענטאלער קאָאַליציע פון דער בורזשואזיע און פון דער אָנפירונג פון מפא"י ווי אויך לגבי דער פאשיסטישער קאָאַליציע פון אירגון צבאי לאומי און זיינע סאטעליטן.

אויב עס וועט זיך פארשטארקן ביידנס פאשיזם אין מדינת ישראל וועט די פאראנטוואָרטלעכקייט נישט פאלן נאָר אויף בן גריון'ן, אָבער אויך אויף מאיר זשאארי, חזן, בן ארון און די איבריקע אָנפירער פונעם מפּם וואָס זענען קעגן דעם אז מען זאָל אויפשטעלן א דאַמבע פאר דער פאשיסטישער רעאַקציע: אן איינהייטלעכער פראָנט צווישן מפ"ם און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל. מיר וועלן נישט אויפהערן צו קעמפן דערפאר, די ארבעטנדיקע באַפעלקערונג וועט משפטן און וועט געבן דעם אורטייל".

די קאָמוניסטן האָבן העלדיש געקעמפט אויפן פראָנט קעגן די פארכאַפערס וואָס זענען געשטאנען אינעם דינסט פונעם אימפּעריאליזם.

היינט פירן זיי מיט נאָך מער אנטשלאָסנקייט און איבערגעבנקייט דעם קאַמף קעגן דעם אימפּעריאליזם, סיי דעם אמעריקאנישן, סיי דעם ענגלישן. די קאָמוניסטישע אָנפירער פון ישראל עפענען די אויגן פון די מאסן וועגן דער פארעטערישער פּאָליטיק פון דער בורזשואזיע און ווייזן זיי אָן אז זיי דארפן זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן פון דער אנטיבריטאַנישער פראַזעאָלאָגיע פון די ציוניסטישע אָנפירער. די גרויסע סכנה שטעלט היינט מיט זיך פאָר דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָפענסיוו פונעם אמעריקאנישן אימפּעריאליזם. אונטערן אנטיבעוויניסטישן און אנטיענגלישן ליארם באַהאַלטן זיך דאָס אלץ מעכטיקערע ארייַנדרינגען פון דעם דאָזיקן שונא: דער אמעריקאנישער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל.

דאָס פאָלק פון ישראל מוז קעמפן אין דערזועלבער צייט קעגן דעם ענגלישן און דעם אמעריקאנישן אימפּעריאליזם. ער מוז זיין זייער וואכזאַם קעגן די מאנעווערס פון דער ציוניסטישער בורזשואזיע וואָס זוכט נאָך מער צו פארשטאַרקן, אצינד, נאָך דער שאַפונג פון מדינת ישראל, די הערשאַפט פונעם

אמעריקאנישן אימפּעריאַליזם. די קאָמוניסטן דעמאַסקירן יעדן פּרווו פון דעם מין.

אין אן ארטיקל דערשינען אין „קול העם" שרייבט אסתר ווילענסקא, סעקרעטאַר פונעם צ. ק. פון דער ק. פּ. י.:

„נעמענדיק אין באטראכט די פּאַקטישע סכנה וואָס עס באדראָט אונדז מצד דעם אמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם מוזן מיר פעסטשטעלן אז אן אנטי־אימפּעריאַליסטישע באוועגונג קען זיך נישט באגרענעצן נאָר אין א קעגנערישער האַלטונג לגבי ענגלאַנד, נעמענדיק אין דער זעלבער צייט א נייטראַלע פּאָזיציע און אפילו א גינסטיקע, לגבי דעם אמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם. א ווירקלעך אנטיאימפּעריאַליסטישע באוועגונג קען זיך נישט באשרענקען צו נעמען אן אנטשלאָסענע שטעלונג קעגן דער ענגלישער אונטערדריקונג פון אונדזער לאַנד און נישט באמערקן דעם אָנהויב פון דער באזעצונג פון דער נייער מלוכה ישראל דורך די אמעריקאַנער.

עס איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט מען זאָל שטענדיק אָנווייזן אז דער אנטיאימפּעריאַליסטישער כאַראַקטער פון א באוועגונג באשטייט אין א נישט קאָנדיציאָנירטן פּאָליטישן ווידערשטאַנד קעגן יעדן אימפּעריאַליזם וואָס צילט די אומאָפּהענגיקייט פונעם רעספּעקטיוון לאַנד און נישט נאָר קעגן איינעם פון די אימפּעריאַליזמען...

געבונען צום קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם איז דער קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, כדי איינצוהאַלטן דעם פאַל פון דעם רעעלן ווערט פון די לוינען, פאַרן קאָנטראָל פון דער פּראָדוקציע. די קאָמוניסטן שטייען בראש פונעם ארבעטער־קלאַס אָנפירנדיק דעם דאָזיקן קאַמף. זיי גיבן נישט צוריק אקעגן די אבוזיווע מאַסמיטלען פון דער רעגירונג און פאַר די רע־פּרעסיעס קעגן זיי. זיי רופן די ארבעטס־מענטשן אינעם קאַמף פאַר א בעסער לעבן, פאַרן אָפּטרעסלען דעם עקספּלואַטאַטאָרישן אימפּעריאַליסטישן יאָך פונעם פרעמדן קאַפּיטאַל און אויך דעם יאָך פון דער בורזשואַזיע פון ישראל.

אין מיי 1949 איז פאָרגעקומען אין תל־אביב א נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון די קאָמוניסטישע אקטיוויסטן אינעם ראַמען פון די סינדיקאַטן. דאָרט האָט מען פאָרויסגעזען א קאָנקרעטן פּראָגראַם פאַר דער באַזייטיקונג פון די שווערי־קייטן מיט וועלכע עס קעמפן די מאַסן.

דער דאָזיקער זעט פאָר: באַשטימען פּראָגרעסיווע שטייערן אויף די קאַפּיטאַליסטישע רווחים, דער ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, אָפּ־שטעלן די פּרייזן און נאַציאָנאַליזירן די אינדוסטריע אין וועלכער עס באַטיי־ליקט זיך דער פרעמדער קאַפּיטאַל. היינט האָבן צו פירן די פאָלקס־מאַסן אין ישראל א שווערן קאַמף. אויף וויפיל ס'וועט אריינדרינגען דער אימפּעריאַליזם און דאָס לאַנד וועט זיך „אמעריקאַניזירן", וועלן די לעבנס־באדינגונגען זיך פאַר־ערגערן און וועלן שטויסן ישראל צו דער קריזע צו וועלכער עס גייען אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָבער אז דער קאַמף קעגן דער עקאָנאָמישער און

פּאָליטישער פאַרשקלאַפונג וועט קענען מאָביליזירן אַלע ברייטערע מאַסן, אַז די אַקציע־אײנהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס וועט ווערן דורכגעפירט, דעמלט וועט דער דערפאָלג פון די אַרבעטס־מענטשן, אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן ניט קענען אָפּגעשטעלט ווערן. דער וועג פון ישראל צו דער דעמאָקראַטיע הענגט אָפּ פונעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס קעגן דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס שפּאַנט אײַן ישראל צום וואָגן פונעם אימפּעריאַליזם. דער אַלץ שטאַרקערער אײַנפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פון ישראל איז אַ גאַראַנטיע אַז דער דאָזיקער וועג וועט וואָס שנעלער דורכגעמאַכט ווערן.

IX. די ציוניסטישע טעטיקייט אין רומעניע

דער דאָזיקער באַזונדערער קאַפּיטל פון אונדזער אַרבעט, איז אַן אונטער־שטרייכן מיט לאָקאַלע דאַטן פון די כאַראַקטעריסטיקעס פונעם ציוניסטישן נאַ־ציאָנאַליזם, איבער וועלכן מיר האָבן גערעדט אין די פאָריקע זײַטלעך. די גאַנצע טעטיקייט פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען אין אונדזער לאַנד, אין משך פון די בורזשואַז־פּריצישע רעגירונגען, ווי אויך נאָך דער באַפרײַונג פון רומעניע באַשטעטיקט פולקומען דעם בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פונעם ציוניזם און דעמאַסקירט אים ווי אַ פאַרסמט געווער פון די יידישע גרויסע באַנקירן און אינדוסטריעלער, אַ געווער וואָס מען באַנוצט כדי צו עקספּלואַטירן און אָפּצונאַרן די יידישע פאָלקס־מאַסן פון אונדזער לאַנד.

די אָנהויבן פון דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע גרופּירונגען אין רו־מעניע, קומען פאַר גלײַכצײַטיק מיט די ערשטע מאַניפעסטאַציעס אויפן אינ־טערנאַציאָנאַלן פּלאַן, פונעם ציוניזם, דאָס הייסט קעגן סוף פונעם 19־טן י. ה. עס איז נישט אַוועק קיין סך צײַט כדי די אָנפירנדיקע שיכטן פונעם האַלב־פעאָדאַלן רעזשים פון אונדזער לאַנד, זאָלן זען די אמתע אָביעקטיוון פונעם ציוניזם. פון די ערשטע מאָמענטן פון זײַן טעטיקייט, האָבן די רומענישע גוט־באַזיצער, ווי אויך די גאַנצע אייראָפּעישע רעאַקציע, באַטראַכט דעם ציוניזם ווי אַ נוצלעכן עלעמענט פאַר זייערע דיווערסיאָניסטישע צוועקן. די ציוניסטישע אָנפירער פון אונדזער לאַנד — וואָס זענען אַליין רעקרוטירט פון די רייען פונעם גרויסן פינאַנציעלן קאַפּיטאַל און פון די אינדוסטריעלער — האָבן קיין מאָמענט נישט אָפּגעשטויסן די אָפּשאַצונגען וואָס זענען געקומען מצד די רומע־נישע אָפיציעלע קרייזן.

נאָך פון 1897, האָט דער גוטבאַזיצער, דימיטריע סטורזאַ, פּרעמיער־מיניסטער פון דער רעאַקציאָנערער רעגירונג פון יענער צײַט, (דערמאַנט אייך אינעם באַרימטן אַרטיקל 7, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען אָנגעווענדט גראָד וועגן דער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די רעגירונגען וואָס האָבן דעמלט אָנגעפירט דאָס לאַנד) האָט דערקלערט אַ פרעמדן פּרעסע־קאָ־רעספּאָנדענט, אַז „דער ציוניזם איז אַן אויסגעצייכנטע באַוועגונג". עס איז

נישט שווער צו דעראָטן וואָס עס האָט באַטייט מצד א רעאַקציאָנערן אַנטיסע־מיטישן רעזשים די דאָזיקע אָפּשאַצונג. די ציוניסטן האָבן זי דעמלט געדרוקט אין דער דעמאָלטיקער פּרעסע אויף א חשובן פּלאַץ.

דאָס איז געווען דער ערשטער צייכן, פון אן אַלץ ענגערער צוזאַמען־אַרבעט צווישן דער רומענישער רעאַקציע און די ציוניסטישע־נאַציאָנאַליסטישע אָנ־פירער. יאָרן־לאַנג האָבן אַלע ליבעראַלע, אווערעסקאַנישע און נאַציאָנאַל־פּויע־רישע רעגירונגען און אפילו אַנטאָנעסקוס פאַשיסטישע רעגירונג, דער משרת פונעם מגושמדיקן היטלער, נישט געטראָפן קיין שום ווידערשטאַנד מצד די ציוי־ניסטישע גרופּירונגען.

פאַרקערט די יידישע בורזשואַזיע, וואָס איז געשטאַנען אין זייער שפּיץ האָט געזוכט צו פאַרטיפן די באַציונגען מיט דער רומענישער רעאַקציע, האָט געזוכט נושא־חן זיין בא די רומענישע באַנקירן און אינדוסטריעלער, כדי צו קע־נען אויף דעם אופן זיך באַטייליקן אין דעם געמיינזאַמען באַרויבן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן ווי אויך פון די רומענישע, אונגאַרישע און פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

דאָס אַלץ איז געשען טראָץ דעם וווּקס פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין אונדזער לאַנד טראָץ דער פאַרשאַרפונג פון די נאַציאָנאַלע און ראַסיאַלע פאַרפאָלגונגען, טראָץ דעם וווּקס פונעם אַנטיסעמיטיזם.

פון דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען אין רומעניע, זעט מען דייטלעך זייער אַנטידעמאָקראַטישן רעאַקציאָנערן כאַ־ראַקטער. שטענדיק זענען געשטאַנען די ציוניסטישע אָנפירער לעבן יענע פאַר־שטייער פון דער רומענישער רעאַקציע וואָס האָבן זיך געמאַכט אַן ערן־טיטל אין זייער לעבן פון דערשטיקן אַרבעטער באַוועגונגען, אונטערשטיצנדיק די פאַשיסטישע באַוועגונגען, אויפהעצנדיק דעם שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם, שטיי־ענדיק עפנטלעך אויף די פּאָזיציעס פונעם אַנטיסעמיטיזם.

עס איז באַקאַנט דער אופן אין וועלכן עס איז דערשטיקט געוואָרן אין בוי־קאַרעשט דעם 13 דעצעמבער 1918, דער שטרייק פון די טיפּאָגראַפן. דער אָנפיי־רער פון דער רעפּרעסיע איז געווען דער אינערן־מיניסטער פון די ליבעראַלן זשע־אָרזש מערזעסקו. דערפאַר האָט די „מאַנטוירעא” פונעם 11 פעברואר 1919 — צוויי חדשים נאָך דער דערמאָרדונג פון די אַרבעטער — געדרוקט א דערקלערונג פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם אינערן־מיניסטעריום אָנגעפירט פון מער־זעסקו אין וועלכן ער האָט געזאָגט: „מיין מיניסטער און די רעגירונג האָבן די שענסטע (אונדזער אונטערשטרייכונג) געפילן לגבי דער ציוניסטישער באַווע־גונג.” מן־הסתם האָבן די רעדאַקטאָרן פון דער מאַנטוירעא” נישט געהאַט אזא קורצן זכרון, אז זיי זאָלן אזוי שנעל פאַרגעסן די שחיטה אויפן פּלאַץ פונעם נאַציאָנאַל־טעאַטער און ווייל זיי האָבן זי נישט פאַרגעסן, קען די פּובליצירונג פון דער דערקלערונג נישט באַטייטן עפּעס אַנדערש ווי די סאָלידאַריזירונג מיט דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן פאַרברעכן. איבריגנס, אויך די ציוניסטן פון

דער אָנפירונג פון ישראל דערנענטערן זיך מיט גיכע טריט צו אזעלכע מעטאָדן.

אָבער די ציוניסטן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט דאָ. זיי האָבן געוועבט גרויסע פּלענער פון די באַציונגען וואָס זיי האָבן אָנגעקניפּט מיט די פּאַר־שטייער פון דער בורזשואַזיע און די פּריצים פון אונדזער לאַנד. דערפאַר, זענען די ציוניסטישע אָנפירער געווען אומדערמידלעך אין זייערע באַמיונגען צו קריכן אונטער די נעגל פון די דאָזיקע פאַרביסענע רעאַקציאָנערן. די ציוניסטישע פּרעסע צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז פול מיט אזעלכע דערקלערונגען און מיר וועלן דאָ איבערגעבן בלויז אייניקע פון זיי.

אין 1926 ווערט אויסגעוויילט אלס אווערעסקאנער דעפּוטאַט דער ציוניס־טישער אָנפירער מאיר עבנער. צו יענער צייט איז געווען בראש דער אווערעס־קו־פּאַרטיי אָקטאַוויאַן גאָגאַ באַקאַנט פאַר זיין אַנטיסעמיטישער טעטיקייט. ער איז געווען צו יענער צייט דער לייטער פון דער אַנטיסעמיטישער ציַיטונג „צאַראַ נאָאַסטרע" וואָס פלעגט דערשיינען אין קלוזש. איבריגנס אזוי לאַנג מאיר עבנער איז געווען דעפּוטאַט איז די אווערעסקו־פּאַרטיי געוואָרן א גוווערנאַמענטאַלע פּאַרטיי און אלס אינערן־מיניסטער איז געווען אָקטאַוויאַן גאָגאַ גופא. די אַנטי־סעמיטישע פּאַרליבע גאָגאַס, האָבן נישט געשטערט די ציוניסטישע ציַיטונג „רענאַשטערעאַ נאָאַסטרע" צו שרייבן אַז די דאָזיקע רעגירונג וועט פּאַרטיי־דיקן די אָרדענונג און די פרייהייט. דער אַנטיסעמיט גאָגאַ איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געהאַט די דאָזיקע פליכט. און „ר. נ." דרוקט אויס איר גאַנצן צוטרוי אין אים. צוליב דער באַטייליקונג אין די גוווערנאַמענטאַלע גע־שעפטן טרעט די יידישע בורזשואַזיע איבער, סיי וואָס פאַר באַטראַכטונגען פונעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, מיט וועלכן זי פלעג אָבער פאַראַד מאַכן כדי צוצוציען אויף איר זייט די פאָלקס-מאַסן.

גאָגאַ האָט נישט געקאַרגט קיין ליבווערטער לגבי דעם ציוניסטישן נאַ־ציאָנאַליזם. באַקאַנט אלס פּאָליטישער אויסוווּרף פונעם נידעריקסטן מין, וואָס איז אויסגעהאַלטן פון א יידישן באַנקיר, אַריסטידע בלאַנק, און אַרויסווייזנדיק אַן אומפאַרשעמטן אַנטיסעמיטיזם האָט ער געזוכט צו ציען נוצן אויך פון די פאַרבינדונגען מיט די ציוניסטן. דערפאַר קענען מיר לייענען אין „מישקאַ־רעאַ ציוניסטע" פונעם 27 פעברואַר 1931 פאָלגנדיקס:

„וואָס שייך דעם ציוניזם, זאָגט דער הער גאָגאַ, אַז די דאָזיקע באַוועגונג מיט א אידעאַליסטישן און הומאַניטאַרן גרונד, האָט אים אינטערעסירט פון תמיד, אַז ער האָט נאָכגעקוקט די שריפטן פון די יידישע און קריסטלעכע אוי־טאָרס איבער פּאַלעסטינע און ער האָט בדעה צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, כדי ער זאָל זיך איבערצייגן אויפן אָרט פון די דאָרט רעאַליזירטע פאָרשריטן..."

גאָגאַס איבערגאַנג אינעם קוזיסטישן לאַגער איז געווען א לאָגישע קאָנ־סעקווענץ פון זיין פּאָליטישן וועג און איז נישט קיין ווידערשפּרוך צו זיינע פּראָציוניסטישע דערקלערונגען. גענוי ווי דער לעגיאָנאַר סען־זשיאָרזשיו, אלס

א נאַציאָנאַליסט איז ער פאַר דער דאָזיקער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג פון דער יידישער בורזשואַזיע.

מאיר עבנער, וואָס איז געווען סענאַטאָר אין 1929—1933, אונטער דער נאַציאָנאַל־פּויערישער רעגירונג, פאַרשאַפט אונדז אויך אַנדערע ווערטפולע באַ־ווייזן בנוגע דער צוזאַמענאַרבעט מיט דער רומענישער בורזשואַזיע. אונטער יוליו־מאַניוס „דעמאָקראַטיע” זענען פריי פאַרגעקומען עטלעכע אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמען, פון די קוזיסטישע באַנדעס אין טרג.פרומאָס. די אויטאָריטעטן פון דער מאַניו־רעגירונג „אַנטשלאָסן” צו מאַכן א סוף צו די עקסצעסן, לויט עס האָט דערקלערט דער אָנפירער פון דער רעגירונג גופא יוליו מאַניו, אַרעס־טירן.... 8 יידן פון וועלכע מען באַשטראָפט אייניקע. דאָס שטערט אָבער נישט דעם סענאַטאָר מאיר עבנער צו בענטשן אין פּאַרלאַמענט יוליו מאַניו אַלס אַן אָנפירער און קאַמפּיאָן פון דער דעמאָקראַטיע”. קאָדרעאַנוס יורש, וואָס האָט דערשטיקט די אַרבעטער־שטרייקן פון לופּען און גריוויצאַ, וואָס האָט אויפ־געלייזט די סינדיקאַטן, איז געווען פאַר אונדזער ציוניסט „א קאַמפּיאָן פון דער דעמאָקראַטיע”.

לגבי דער מאָנאַרכיע, האָבן די ציוניסטישע אָנפירער געהאַט א באַזונ־דערע סימפּאַטיע. דער פאַקט וואָס די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געווען די נעסט פון דער שוואַרצעסטער רעאַקציע, דער פאַקט וואָס די מאָנאַרכיע האָט קיינמאָל נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס איז געוואַקסן און האָט נישט געפּאָדערט קיין שום מאַסמיטלען קעגן דעם, איז נישט אָנגע־גאַנגען די ציוניסטן. זיי האָבן געזען אין דער מאָנאַרכיע די גאַראַנטיע פון דער קלאַסן־הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע און די גוטבאַזיצער און דערפון האָט געצויגן נוצן אויך די יידישע בורזשואַזיע. דערפאַר בא פערדינאַנדס טויט איז באַפאַלן א גרויסע ווייטיק די אָנפירער פון די ציוניסטישע גרופּירונגען אין אונדזער לאַנד. זיי האָבן נישט גענומען אין באַטראַכט דעם מאַנגל אין רעכט פון די יידישע אַרבעטס־מענטשן אונטער פערדינאַנדס הערשאַפט, זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן פאַקט אַז אין דער צייט ווען ער איז געשטאַנען בראש דעם רעאַקציאָנערן געזינדל איז פאָרגעקומען די דערמאָרדונג פונעם דר. אַראָ־נעאַנו, אָנפירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וועמענס מערדער זענען געבליבן נישט באַשטראָפט, אַז דעמאָלט איז אילעגאַליזירט געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון רומעניע. דאָס זענען געווען דייטלעכע באַווייזן פונעם רעאַקציאָ־נערן כאַראַקטער פונעם רעזשים אָנגעפירט פון פערדינאַנד אין וועמענס צייט עס איז געשאַפן געוואָרן קאָדרעאַנוס לעגיאָנערע באַוועגונג און „דער דור פון 1922” — א באַנדע פון אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס. דאָס אַלעס האָט אָבער נישט אויסגעמאַכט ווייל לויט מיר דערוויסן זיך פון דער ציוניסטישער צייטונג „נאַכריכטן פון דער יידישער וועלט” (5־טן יאַר 231) „סאָקאָלאָוס אוי־דיענץ באַם פּאַלאַט איז געווען א שטאַרקער באַווייז פון דער קיניגלעכער סימ־פּאַטיע לגבי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס”. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע פאַר

די ציוניסטישע נאציאָנאַליסטישע אָנפירער. דערפאַר פאַרזיכערט אונדז די זעלבע ציַיטונג אַז אונטער פערדינאַנדס רעזשים „האָט דער ציוניזם גענאָסן א טיפע פאַרשטענדעניש און א ברייטן שוץ מצד זיינע רעגירונגען (בעת די מערדער פונעם דר. אראָנעאַנו זענען ארומגעגאַנגען פריי). און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַשלאָסן צו פאַרשרייבן דעם פּראָטעקטאָר פון די ציוניסטן און די מערדער פון די דעמאָקראַטישע קעמפער אינעם גאָלדענעם בוך פונעם יידישן נאַציאָנאַלן פאָנד.

א וויכטיקן פּלאַץ אין די רייען פון די וואָס האָבן אונטערשטיצט די ציוניסטישע באַוועגונג אין אונדזער לאַנד פאַרנעמט ווײַדאַ־וואָעוואָד. דער דאָזיקער אָנפירער פון דער רעאַקציע, דער עקזעקוטאָר פון דער רעפּרעסיע פון גריוויצאַ „דער קוואַטער" פון דער אייזערנער גוואַרדיע, לויט ער האָט עס אליין דערקלערט, האָט אליין אויסגעדרוקט בא פאַרשידענע געלעגנהייטן זיינע גינסטיקע געפילן לגבי דעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם. א באַווייז געפינען מיר אין דער „רענאַשטערעאַ נאָאַסטרע" נר. 372/1933 ווו מיר לייענען: „הער ווײַדאַ וואָעוואָד האָט ווידער אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג" (עס איז די רייד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג א.נ.)

דער כאָר פון די פאָרשטייער פון דער רעאַקציע פון רומעניע וואָס האָבן געשטיצט און האָבן זיך געשיצט אויפן ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם איז דערגענצט מיטן קול פונעם באַרימטן אַנטיסעמיטישן זשורנאַליסט, וואָס איז געווען יאָרן לאַנג, פּאַמפּיל שייקאַרו, דירעקטאָר פון דער ציַיטונג „קורענטול".

„קוריערול איזראַעליט" פון 18/12/1932 רעפּראָדוצירט פאָלגנדיקע דערקלערונגען פון דעם וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַגענט פונעם היטלעריסטישן געשטאַפּאָ און וואָס איז היינט אינעם דינסט פון די אַמעריקאַנישע מלחמה־העצער: „איך האָב א ספּעציעלע סימפּאַטיע פאַרן ציוניזם. ווי יעדער נאַציאָנאַליסט קען איך נישט אַנדערשווי ארויסווייזן א גרויסע סימפּאַטיע פאַר דעם דאָזיקן נאַציאָנאַליסטישן מופת."

דאָס פּרעזענטירן פאַר אונדזערע לייענער די דאָזיקע דערקלערונגען און די שטעלונגען וואָס עס האָבן גענומען די אָנפירער פון דער רומענישער רעאַקציע ווי אויך פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטישע לידערס, האָט דעם צוועק צו באַווייזן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פונעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם. איידער מיר גייען ווייטער מיט די באַווייזן פון דעם דאָזיקן פאַקט, מוזן מיר אונטערשטרייכן דעם פאַקט וואָס די ציוניסטישע יידישע בורזשואַזיע האָט נישט געוואָלט זיין אין פיינטלעכע באַציונגען מיט דער נישט יידישער בורזשואַזיע. צוגרייטנדיק די באַדינגונגען כדי זיך צו קענען שאַפן אַן אייגענעם עקספּלואַטיר־מאַרק, זוכט זי וואָס מער אויסצונוצן איר אָנוועזנהייט אין רומעניע כדי צו פאַרשטאַרקן איר עקאָנאָמישע מאַכט. צו דעם צוועק האָט זי זיך איבערגעגעבן גענצלעך דער רעאַקציאָנערער, אַנטיסעמיטישער הערשנדיקער בורזשואַזיע, פאַרגעסנדיק גענצלעך די ווירקלעכע אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטס־מענטשן.

די דאַזיקע לאַגע שטעלט פּעסט דער 5־טער קאָנגרעס פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי פון רומעניע אָפּגעהאַלטן אין 1932 וואָס האָט אונטערגעשטראָכן אין איר רעזאָלוציע איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע די פאַרעטערישע ראָלע פון די בורזשואזיעס פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן וואָס זענען געגצלעך צוגעשטאַנען צו דער הערשנדיקער בורזשואזיע, פאַרשטאַרקנדיק אַזוי ארום די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגען.

דער פאַראַט פון דער קאַמף־איינהייט פון די יידישע מאַסן מיט די מאַסן פונעם רומענישן פאָלק און די אנדערע מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן איז בולט אַלס א הויפּט באַשעפטיקונג פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן, סיי אינעם פּע־ריאָד פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, סיי אויך אין דער מלחמה־צייט. איבער די אַספּעקטן פון דעם פּראָבלעם נאָכן 23־טן אויגוסט וועלן מיר רעדן אין א באַ־זונדער קאַפּיטל.

די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן האָבנדיק די שטיצע און דעם שוץ פון די רעאַקציאָנערע רעזשימען פון אונדזער לאַנד, האָבן געזוכט צו דערפולן די פּאָר־פּליכטונגען וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען לגבי זייערע באַשיצער.

די געווינסלאָזיקייט פון די ציוניסטישע אָנפירער, זייערע קליינלעכע זאָרג צו פּאַרטיידיקן די קלאַסן־אינטערעסן פון די עקספּלואַטאַטאָרן איז דערשיינען אין 1933, ווען, דערשראָקן, פון דער איבריגנס נישט ווירקלעכער סכנה צו מוזן אָפּשטעלן זייער טעטיקייט, האָבן זיי געזוכט אויסצונוצן אויף א דירעקטן אופן די פּראָוואָקאַציעס קעגן די אַרבעטער כדי צו פּאַרטיידיקן זייער עקזיסטענץ.

אין „מונטשיטאָרול עוורעו" 1 יאַר נר. 12 איז דערשינען פאָלגנדיקע נאָטיץ:

„הער דעפּוטאַט מישו ווייסמאַן באַגלייט פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער יידישער פּאַרטיי, דר. ס. שטערן האָבן זיך פּרעזענטירט באַם אינערן־מיניס־טעריום בעטנדיק מען זאָל נעמען מאַסמיטלען כדי די ציוניסטישע באַ־וועגונג זאָל נישט געשטערט ווערן, ווייל די דאַזיקע באַוועגונג האַלט אָפּ די יידי־שע יוגנט פון די סובווערסיווע באַוועגונגען."

עס איז קלאָר וואָס עס האָבן באַטייט „סובווערסיווע באַוועגונגען" אין 1933. די ציוניסטישע אָנפירער האָבן געוואָלט שפּילן א ראָלע אינעם צוימען די דעמאָלטדיקע קאַמפן פון די פאָלקס־מאַסן, קאַמפן וואָס זענען פאָרגעקומען אין פעברואַר 1933 אין גריוויצא און אין פּראַהאָוואַ-טאָל. די ציוניסטישע נאַציאָ־נאַליסטן האָבן געוואָלט פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ דורך דער דערשטיקונג פון דער באַוועגונג פאַר א בעסער לעבן פון די וואָס אַרבעטן. זיי האָבן נישט גענומען אין באַטראַכט אַז דאָס רומענישע פאָלק און די מיטלעבנדיקע נאַציאָ־נאַליטעטן פון רומעניע האָבן דעמלט געפירט א ריזיקן קאַמף קעגן דעם פאַ־שיזם וואָס האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט זיין הערשאַפט אין דייטשלאַנד און האָט זיך געגרייט צו פאַרכאַפּן אויך אונדזער לאַנד. פאַר די ציוניסטישע אָנפירער איז געווען וויכטיק זייער נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט, פון איזאָלירן די אַר־בעטס־מענטשן.

די דאָזיקע שטעלונג דערקלערט דעם פאקט, וואָס בראש פון דער ציוניס־
טישער אָרגאניזאציע „הנוער הציוני" פון בראילא, איז געשטאנען דער סיגו־
ראנצא־אגענט נסים פיינשטיין, וועלכער האָט דענונצירט אין 1934 א גרופּע
קאָמוניסטישע קעמפער, וואָס זענען פארורטיילט געוואָרן צו אסך יאָרן תפיסה.
אן אָנפירער פון דער ציוניסטישער רעליגיעזער גרופּירונג „מזרחי" איז געווען
כאכאמו וואָס איז געווען בעת דער אנטאָנעסקו־מלחמה דער פאָרשטייער פון
דער געשטאפּאָ־אגענטור פון דער יידן־צענטראלע אין יאס. די באציונגען צווישן
די ציוניסטישע גרופּירונגען און דער יידן־צענטראלע זענען, איבעריגנס, געווען
זייער ענגע. ראדו לעקא, דער אזוי גערופענער באפולמעכטיקטער פון דער רעגי־
רונג פאר דער יידישער פראגע, פאקטיש דער געשטעלטער פונעם באראָן
קילינגער איז געווען אין שטענדיקער פארבינדונג מיט די אָנפירער פון די ציו־
ניסטישע אָרגאניזאציעס. די דאָזיקע האָט ווייטערגעפירט איר טעטיקייט אונ־
טערן פארדעק פונעם „עמיגראציע־אמט" וואָס איז געווען לעגאליזירט פון היט־
לערס משרתים אין רומעניע.

די ציוניסטישע אָנפירער האָבן זיך געשטעלט צו דער פארפיגונג פון דער
יידן־צענטראלע, אזוי ווי ס'איז געשען מיט דר. ט. לעווענשטיין אָנפירער פונעם
„איחוד" (ציוניסטישע סאָציאליסטישע פארטיי) וואָס האָט אָנגעפירט א סעק־
ציע פון דער צענטראלע.

אָבער די ציוניסטישע אָרגאניזאציע באהאלטן אונטער דער שילד פונעם
„עמיגראציע־אמט" האָט געשטיצט די יידן־צענטראלע, דאָס דאָזיקע געמיינע
באשעפעניש פון די היטלעריסטן מיט קאָלעקטירטע פאָנדן, כלומרשט אויף צו
ראטעווען די דעפּאָרטירטע אין „טראנסניסטריע".

לויט דעם אדרעס נר. 2476 פונעם 31/3 1942 פון דער ציוניסטישער
אָרגאניזאציע, פארפליכטעט זיך די דאָזיקע, איבערצוגעבן דער יידן־צענטראלע
25% פון די נעטאָ־הכנסות באשטימטע נאָכן אָפּציען פון די ברוטאָ־איינקאסי־
רונגען פון א פּראָצענט פון 30% פאר דער דעקונג פון אונדזערע הוצאות".
אָבער די צענטראלע, נאָך לעקאס אינטערווענציעס, איז נישט צופרידן און פאָ־
דערט בא דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע דורכן אדרעס פון 7־טן מיי 1942
אז דער הוצאות־פּראָצענט זאָל זיין נאָר פון 20% און זאָגט ווייטער „איר וועט
ראפּאָרטירן רעגלמעסיק דער יידן־צענטראלע פון רומעניע וועגן דעם אופן ווי־
עם וויקלט זיך פונאנדער די גאנצע טעטיקייט. הייסט עס די ציוניסטישע אָרגא־
ניזאציע נערט מיט געלד די געשטאפּאָ־אגענטור און איז מסכים צוצופּאסן איר
טעטיקייט צו די באדערפענישן און כונות פון די היטלעריסטן. דאָס איז געווען
דער „נאציאָנאלער" קאמף פון דער יידישער בורזשואזיע. די דאָזיקע געשעפטן
זייענדיק פרוכטבאר, האָט מען דאָס איבריקע ארייַנגעוואָרפן אינעם מיסט־קאסטן.
די פינאנציעלע סקאנדאלן וואָס עס פלעגן אויסברעכן פון צייט צו צייט אין די
רייען פון די ציוניסטישע אָנפירער זענען א באווייז דערפאר. א וויכטיקער קא־
פּיטל אין די דאָזיקע געשעפטן זענען געווען די אָרגאניזירטע עמיגראציעס מיט

דער הילף פון די אנטאָנעסקו אויטאָריטעטן. מישו אנטאָנעסקו גופא פלעג באַ־קומען א באַדייטנדיקע קאָטע פונעם געלט וואָס עס פלעגן געבן די יידישע גרויסע קאַפּיטאַליסטן וואָס האָבן געוואָלט זיכערשטעלן זייערע פאַרמעגנס פאַר דער סכנה וואָס עס האָט פאַר זיי באַטייט די באַפרייונג פונעם לאַנד פונעם פאַשיזם דורך די סאָוועטישע אַרמייען.

די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטישע אָנפירער האָבן געפירט ביז צום 23 אויגוסט 1944 א קלאָרע פּאָליטיק פון צוזאַמענאַרבעטן מיט דער הערשנדקער בורזשואַזיע, מאַכנדיק איינינעם געשעפטן, אונטערשטיצנדיק די אנטאָנעסקו־מלחמה, זוכנדיק צו ציען נוצן פון דער קריגס־קאָניונקטור און זיך באַרייכערן איבער דער מאָס. זיי זענען נישט באַרירט געוואָרן פון קיין שום ראַסיאַלע מאָסמיטלען.

אין דער זעלבער צייט זענען די יידישע פאָלקס־מאַסן אלץ אָרעמער גע־וואָרן, אויסגעליטן די גרעסטע דערנידעריונגען און זענען געווען דאָס ציל־ברעט פון אלע רדיפות. בעת די יידישע בורזשואַזיע איז געווען באַפרייט פון אַרבעט, האָט נישט געוווסט פון קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און האָט זיך פאַר־ווילט מיט אנטאָנעסקון און מיט זיינע משרתים. דער יידישער קליינער בעל־מלאכה, קליינער סוחר, אַרבעטער, גענוי ווי דער רומענישער אַרבעטער און פּויער און ווי די פון יעדער אַנדערער נאַציאָנאַליטעט האָבן שווער געצויגן דעם יאָך פון די פאַרכאַפּערישע היטלעריסטן.

אווישניט, קאַרמיץ, מאַרגוליעס, פילדערמאַן, יסוואָראַנו, ווייסמאַן האָבן זיך פאַרזיכערט זייערע פאַרמעגנס, זייערע פאַבריקן זענען געווען אָפּגעהיט פון די גענעראַלן און קאָלאָנעלן פון אנטאָנעסקוס אַרמיי, און די יידישע אַרבעטס־מענטשן זענען געשטאָרבן פון טיפוס אין טראַנסניסטריע אָדער האָבן זיך איבערגעבראָכן די ביינער אונטערן געוויכט פון די אייזנבאַן־רעלסן. און אין די פליינען פון דער אוקראַינע און פאַר סטאַלינגראַד זענען די רומענישע סאָלדאַטן געשטאָרבן אין די צענער טויזנטער כדי די קאַפּיטאַליסטן־באַנדע ווי בראַטעאַנו, מאַלאַקסאַ, פּאָפּ, א. א. זאָלן זיך אָנפרעסן פונעם רויב און דעם בלוט פון די געפלאָגטע. אזוי זעט אויס די „נאַציאָנאַלע איינהייט" וואָס ווערט גע־פּריידיקט פון דער יידישער, גענוי ווי פון דער רומענישער אָדער אונגאַרישער בורזשואַזיע. די דאָזיקע לאָזונג ווערט באַנוצט, כדי די נאַציאָנאַליסטישע פּראַ־זעאָלאָגיע זאָל פאַרדעקן די נידערטרעכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקס־פלואַטאַציע וואָס פאַראייניקט די קאַפּיטאַליסטן פון יעדער נאַציע און דערפירט די אַרבעטס־מענטשן צו דער צעברעקלונג פון זייער אינטערנאַציאָנאַליסטישער איינ־הייט. אָבער די פאַקטן זענען צו שטאַרק אז די דאָזיקע דעמאַגאָגישע פראַזן זאָלן נאָך ווירקן און דערפאַר, האָט זיך צוביסלעך אַרויסגערוקט דער אמת אז נאָר דורך דער איינהייט פון אלע די וואָס אַרבעטן, איז מעגלעך צו ליקווידירן די אלע וואָס ווילן לעבן דורך באַרויבן אַנדערע. די באַפרייונג פון אונדזער לאַנד דורך דער סאָוועטישער אַרמיי, און דאָס לאָזן זיך אויפן נייעם וועג פונעם סאָציאַ־

ליזם, האָט פאַרשנעלערט די דאָזיקע קאָנקלוזיע וואָס ווערט אַלץ מער איינגע־וואָרצלט אינעם מוח פון די ארבעטס־מענטשן.

*

דאָס וואָס מיר האָבן געוואָלט אונטערשטרייכן אין די פריערדיקע זייטלעך, איז די פעסטשטעלונג פון דער פּאָזיציע וואָס איז געווען נישט נאָר פון סימ־פּאַטיע, אָבער אויך פון א דירעקטער צוזאַמענאַרבעט אָן קיין שום רעזערוון פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטישע אָנפירער מיט אַלע פּאָליטישע בורזשואזע גוט־באַזיצערישע פאָרמאַציעס וואָס האָבן רעגירט אונדזער לאַנד צווישן ביידע מל־חמות. אָבער גלייכצייטיק מיט דער באַפרייונג פון רומעניע פונעם פאַשיזם, דאָס הייסט אַזוי ווי עס עפנט זיך א פּערספּעקטיוו צו שאַפן א ווירקלעך דעמאָקראַ־טישן רעזשים, ענדערט זיך די שטעלונג פון די ציוניסטישע גרופּירונגען גרינט־לעך. דער ארויסטריט פון דער אילעגאַליטעט פון דער רומענישער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי, וועמענס קאָנסעקווענץ אין קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפריי־ונג האָט צוגעצויגן די סימפּאַטיע און די שטיצע פון די אונטערדריקטע מאַסן פון די נאַציאָנאַליטעטן אינעם גאַנצן פעריאָד פונעם אילעגאַלן קאַמף. דער וווּקס פון די דעמאָקראַטישע כוחות אַנטשלאָסן צו שאַפן א בעסער לעבן פאַר די פאָלקס־מאַסן דורך דער ליקווידירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער און גוטבאַזי־צערישער עקספּלואַטאַציע האָט באַאומרויקט די עקספּלואַטאַרישע קלאַסן פון אונדזער לאַנד, באַלד נאָכן 23 אויגוסט. די יידישע עקספּלואַטאַרן פון וועלכע מען פלעג רעקרוטירן די אָנפירנדיקע קאַדרען פונעם ציוניזם און וועלכע האָבן זייער אונטערשטיצט די ציוניסטישע באַוועגונג, האָבן אָנגעהויבן גענוי ווי די אַנדערע עקספּלואַטאַרן א קאַמפּאַניע צו פאַרלוימדן די דעמאָקראַטישע כוחות פון דער רומענישער פאָלקס־רעפּובליק און די געליבטע אָנפירער פו־נעם ארבעטער־קלאַס. אָבער נישט נאָר די סכנה וואָס האָט באַדראָט זייער עקאָ־נאָמישע און פּאָליטישע לאַגע האָט געטריבן די ציוניסטישע אָנפירער אין קאַמף קעגן די דעמאָקראַטישע כוחות און דערנאָך קעגן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים פון אונדזער לאַנד.

די אָנפירונג פון די ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען האָבן זיך געגעבן חשבון אַז די אָנוועזנהייט פונעם ארבעטער־קלאַס און פון זיין פּאַרטיי אינעם פּאָליטישן לעבן און בא דער אָנפירונג פונעם לאַנד, באַטייט דער אָנהויב פון דער ליקווידירונג פון יעדן נאַציאָנאַליזם. אין דער פאַרגאַנגענהייט ווען די בורזשואזיע און די גוטבאַזיצער פלעגן אָנפירן מיט די „ענינים" זענען געווען דער נאַציאָנאַליזם און דער שאָוויניזם פאָרמעס פון רעגירן און דאָס האָט גע־נוצט אויך די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן. די ליקווידירונג פון די עקספּלואַטאַ־רישע קלאַסן, דאָס איבערנעמען די אָנפירונג פונעם לאַנד דורך דעם ארבעטער־קלאַס האָט באַטייט די פאַרניכטונג גראַד פון דער באַזע פונעם נאַציאָנאַליזם און פונעם שאָוויניזם, הייסט עס אויך דאָס אָפּשניידן פון די מאַטעריעלע און פּאָליטישע וואָרצלען אויך פונעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם.

די באַדראָונג פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון דער בור־זשואַזיע און דער קאַמף פון די דעמאָקראַטישע כּוחות זיי צו ליקווידירן האָט געבראַכט די נאַציאָנאַליסטישע אָנפירער לעבן דער רומענישער אָדער אונגאַרישער בורזשואַזיע מיט וועלכע זיי האָבן איבעריגנס צוזאַמענגעאַרבעט די גאַנצע צייט ווען די דאָזיקע האָבן געהאַט א הערשנדיקע פּאָזיציע.

אצונד האָבן זיי געבילדעט א געמיינזאַמען פראָנט קעגן די דעמאָקראַטישע כּוחות פון אונדזער לאַנד, האָבן פארלוימדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, האָבן געפירט א פיינטלעכע אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניע און האָבן זיך געגצלעך געשטעלט אינעם דינסט פון די אַמעריקאַנישע און ענגלישע אימפּעריאַליסטישע קרייזן.

די ווילדע פארסמטע פּרעסע־קאַמפּאַניע פונעם דירעקטאָר פון דער „מאָנ־טוירעא״ א. ל. זיסו, גרויסער אינדוסטריעלער און באַנקיר, מיטאַרבעטער פון די היטלעריסטישע געשעפטלייט וואָס האָט געזוכט צו באַווארפן מיט בלאָטע די ווירקלעך דעמאָקראַטישע כּוחות פון אונדזער לאַנד, איז געווען אַן אָנהויב פונעם קאַמף פון די ציוניסטישע אָנפירער קעגן דעם דעמאָקראַטישן רעזשים וואָס האָט אָנגעהויבן זיך בויען אין אונדזער לאַנד. פּילצאָליק זענען די מעטאָדן וואָס די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטישע אָנפירער האָבן אָנגעווענדעט כּדי אונטערצוגראָבן די דערגרייכונגען פונעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים אין אונדזער לאַנד. מיר וועלן אָנווייזן בלויז עטלעכע פון זיי כּדי צו באַקומען א בילד פון דעם וואָס די ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן פארפאָלגט.

די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן האָבן געפירט פונעם 23 אויגוסט 1944, א ברייטע אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע מאַסן און זיי געראָטן צו אַנטלויפן פון אונדזער לאַנד. זייער לאָזונג איז געווען: „אַנטלויפט וווהין און וויאַזוי איר קענט נאָר.״ זיי האָבן אויסגענוצט אין דער דאָזיקער פארברעכערישער קאַמפּאַניע די שפּורן וואָס זענען פארבליבן פון די יאָרן פון היטלעריסטישער באַזעצונג און האָבן געזוכט צו שפּעקולירן די עקאָנאָמישע שוועריקייטן וואָס רומעניע האָט דורכגעמאַכט, איבעריגנס ווי גאַנץ אייראָפּע, אַלס א פּועל־יוצא פון דער מלחמה. טויזנטער אָרעמע דערשלאָגענע משפּחות האָבן צענעמען זייערע ווירטשאַפטן, האָבן פארקויפט פאַר א שיבוש דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אין משך פון צענדליקער יאָרן שווערער אַרבעט, און האָבן זיך געלאָזט, באַצאָלנדיק אַסך געלט די איינשרייבונג אויף ווערטלאָזע רשימות, אין דער פרעמד. זיי האָבן געשוואַרצט די גרענעץ, זענען אַוועק אויף שיפן „נאָס־שאָלעכץ״ ווייל די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן פלעגן זיי זאָגן באַ יעדער געלעגנהייט, אַז זיי באַדאַרפן נישט בלייבן אין רומעניע, ווייל זיי וועלן דאָ שטאַרבן פאַר הונגער, וועלן ווידער פאַלן א קרבן פון די פאַשיסטישע פּאָגראָמען, אַז די געוועזענע צייט וועט ווידער קומען — אויב אַזוי... אַנטלויפט!

דעם רעזולטאַט האָט מען געזען אין די לאַגערן פון עסטרייך, אין די מע־רב־זאָנעס פון דייטשלאַנד, אין איטאַליע און ציפּערן. זענען צענער טויזנטער

מענטשן געלעגן אין עלנט, געליטן הונגער, און זיך קוים דערהאַלטן באַם לעבן מיט דער נדבה פון פאַרשידענע „פילאַנטראָפּישע" אָרגאַניזאַציעס.

און אין לאַנד האָבן געבליט די ציוניסטישע געשעפטן, אומצאָליקע שקאַנדאַלן זענען פאָרגעקומען צווישן 1946—1947 אין פאַרבינדונג מיט די עמיגראַציעס. זיך נישט רעכענענדיק מיטן עלנט און אומגליקן וואָס זיי פלעגן ברענגען פאַר די יידישע מאַסן, וואָס זיי פלעגן שטויסן צו אַנטלויפן, האָבן די ציוניסטישע אָנפירער אָנגעפילט זייערע געלט־קאַסעס מיטן איינקאַסירן געלט פון די אומגליקלעכע וואָס זענען דערנאָך דערהרגעט געוואָרן, באַם שוואַרצן די גרענעץ פון פאַרברעכער וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די ציוניסטן.

אָבער דאָס האָט נישט אויסגעמאַכט באַ די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן. זיי האָבן ווייטער געפירט זייער פאַרברעכערישע פּראָפּאַגאַנדע. „רענאַשטערעאַ נאַאַסטרע" וואָס איז געווען אין ענגע באַציונגען מיט די אַמעריקאַנישע אימפעריאַליסטישע קרייזן, האָט געשריבן אין סעפּטעמבער 1946, אין פאַרבינדונג מיט דער שטיצע וואָס מען דאַרף געבן די דעמאָקראַטישע כוחות אין אונדזער לאַנד. „אָבער די רעגירונגען, סיי וויפל איינפלוס זיי זאָלן נישט האָבן באַ די מאַסן, זענען פאַרגענגלעך. חוץ דעם האָבן מיר געזען אַז רעגירונגען מיט אַ דעמאָקראַטישער פאָרמאַציע, וואָס האָבן געהאַט די מאַכט נאָכן 23 אויגוסט (עס איז די רייד פון סאַנאַטעסקו, ראַדעסקו רעגירונגען א.נ.) האָבן באַהאַנדלט אונדזערע פּראָבלעמען נאָך די אַלטע מעטאָדן, פון דויערנדיקע פּרוּוון צו ציען די זאַך אין דער לענג און זיך אַרויסצודרייען. דערפאַר איז מעגלעך, אַז אויך אין דער צוקונפט זאָלן אונדז די אָפיציעלע פּאָזיציעס אָנגרייטן איבעראַשונגען, וואָס וואָלטן אייגנטלעך נישט געווען קיין איבעראַשונגען. (ר.נ. 21 יאָר נר. 104) דאָ זעען מיר קלאָר די ציוניסטישע שטעלונג לגבי דער ערשטער רעגירונג אין וועלכער דער אַרבעטער־קלאַס האָט געהאַט וויכטיקע פּאָזיציעס, און וואָס איז געווען אַנטשלאָסן צו ליקווידירן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. פאַר דער נאַציאָנאַליסטישער ציימונג, וואָס האָט געדרוקט אין דער פאַרגאַנגענהייט לויב־געזאַנגען פאַר די בורזשואַז־גוטבאַזיצערישע רעגירונגען און האָט באַגריסט מיט פרייד די לויב־רייד פונעם הוליגאַן ווײַדאַ לגבי דעם ציוניזם, האָט די גראָזאַ־רעגירונג נישט פאָרגעשטעלט קיין גאַראַנטיע פאַר אַ ריכטיקער לייזונג פון די פּראַגעס פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, האָט אַרויסגערופן באַ איר צווייפל און זי האָט געוואָלט פאַרגלייכן די דאָזיקע רעגירונג מיט יענע רעגירונגען וואָס האָבן אָנטהאַלטן נאָכן 23 אויגוסט, מלחמה־פאַרברעכער און באַקאַנטע מיטאַרבעטער פונעם פאַשיזם, פון די רייען פון די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען.

דער ווילן צו פאַרזייען אומצוטרוי און צווייפל איז בולט, און באַווייזט די בייזוויליקייט און די שנאה פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן לגבי די ווירקלעך דעמאָקראַטישע כוחות.

אפילו אין 1949, פירט ווייטער די זעלבע מעטאָדן, אַן אַנדערע ציוניסטישע צייטונג, „וויאַצאַ עווריאַסקע" אַזוי געפינען מיר אינעם באַריכט איבער

דער הזכרה פון די קרבנות פונעם לעגיאָנארן־אויפשטאנד פון יאנואר 1941, גע־פינען מיר אונטערגעשטראָכן בלויז די פארהאסטע פארגאנגענהייט, די פאשיס־טישע פארברעכנס! אָבער נישט קיין וואָרט איבער די היינטיקע נייע באדינגונגען, ווען עס זענען אָפּגעווישט דער גרעסטער טייל שפּורן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אויך דאָ איז בולט דער ווונטש צו פארזייען דעם אומצוטרוי און די מורא, און דאָס שטויסן צום אנטלויפן.

די דאָזיקע פיינטלעכע אקציע פון די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן, האָט צום ציל אָפּצורייסן פונעם קאמף פאר א בעסער לעבן, פונעם בוי פונעם סאָציא־ליזם די יידישע ארבעטס-מענטשן. אויף דעם אופן ווילן די ציוניסטן פארשווערן דאָס דאָזיקע וווּנדערבארע ווערק, און העלפן אזוי ארום די רעאליזירונג פון די אימפּעריאליסטישע פּלענער פון דער אינטערנאציאָנאלער רעאקציע.

אויך צו דעם צוועק און אויף צו פארזיכערן א באזע פאר זייער פיינט־לעכער פּראָפּאַגאנדע, האָבן די ציוניסטן געזוכט צו איבערצייגן די יידישע מאסן, וואָס שטייען טיילוויז אויסער דעם פּראָדוקטיוון לעבן, אז עס איז נישט פאראן אין אונדזער לאנד א רעעלע מעגלעכקייט צו ליקווידירן די דאָזיקע לאגע, און אז זיי זענען פאראורטיילט צו דער דאָזיקער שווערער מאטעריעלער לאגע, אויף תמיד, טאָמער זיי בלייבן דאָ.

אָפּרייסנדיק דעם דאָזיקן פענאָמען, פון די באדינגונגען אונטער וועלכע ער איז אנטשטאנען באהאלטנדיק די רעעלע סיבות פונעם דערשיינען פונעם „לופטמענטש" אין דער יידישער מאסע האָבן די ציוניסטישע אָנפירער אָנגע־ווענדט אלע מיטלען כדי ווייטערצוהאלטן די דאָזיקע נישט פּראָדוקטיווע יידן, אין די נעגל פונעם מאראלישן און מאטעריעלן עלנט, נאָר כדי צו קענען ווייטער פירן זייער פארברעכערישע טעטיקייט פון נאציאָנאלער שנאה און נאציאָנאליסטישער איזאָלירונג.

די אזויגערופענע לינקע ציוניסטן וואָס האָבן „צוזאמענגעארבעט" אין ראמען פונעם יידישן דעמאָקראטישן קאָמיטעט מיט די ווירקלעך דעמאָקראטישע און ערלעכע כוחות פון די רייען פון די יידישע מאסן האָבן שטענדיק געזוכט צו סאבאָטירן די טעטיקייט וואָס דער יידישער דעמאָקראטישער קאָמיטעט, האָט געפירט אויף איינצורייען אין דער פּראָדוקציע יענע יידן וואָס האָבן נישט גע־האט קיין פּראָדוקטיווע באשעפטיקונג. די ציוניסטישע פירער האָבן זיך אָפן אנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער אקציע שטערנדיק די מיטגלידער פון זייערע אָרגאניזאציעס ארייננצוטרעטן אין דער ארבעט, צו לערנען א מלאכה, אָדער זיי איזאָלירנדיק אין אזוי גערופענע „רעסטראטיפיצירונג איינהייטן" ווו אנשטאט זיי צו לערנען א מלאכה, פלעג מען זיי דערציען אין א שאָוויניסטישן נאציאָנא־ליסטישן גייסט, זיי צוגרייטנדיק צו דער עמיגראציע.

אין א רעזאָלוציע פון א לאנד־קאָנפערענץ פונעם „משמר" אָפּגעהאלטן אין יאנואר 1948 האָט מען געזאָגט: „דאָס יידנטום וועט זיך נישט איינרייען אין א נאָענטער צוקונפט אין דער עקאָנאָמיע פונעם לאנד און דער פּראָצעס פון

עקאָנאָמישער אסימילאציע פונעם יידנטום קען נישט זיין אן אקטועלער פענאָמען, אָדער מיט א מעגלעכקייט אין א נאָענטער צוקונפט.״

ווי ליגנעריש עס איז די דאָזיקע טעזע פון די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן און ווי שעדלעך עס איז געווען זייער פּראָפּאַגאנדע אין דער הינזיכט, באווייזן אונדז די באקומענע רעזולטאטן נאָך אן ערנסטער טעטיקייט אויפצוקלערן די יידישע מאסן און דעמאסקירן די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן מיט דער הילף פון דער רעזאָלוציע פונעם פּאָליטישן ביוראָ פונעם צ.ק. פון דער ר.א.פּ. אין דער נאציאָנאלער פראגע. אויף וויפל עס וואקסט די עקאָנאָמישע קאפּאציטעט פונעם לאנד, אויף וויפיל עס אנטוויקלט זיך די אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט, אויף וויפיל מען קלערט אויף די יידישע ארבעטס-מענטשן, אלץ מער מענטשן צווישן זיי טרעטן איין אין דער קאָנסטרוקטיווער ארבעט ווערנדיק אקטיווע פּאקטאָרן באם בויען דעם סאָציאליזם אין אונדזער לאנד. מען האָט קלאָר געזען פון די ביזאיצטיקע רעזולטאטן אז די עקזיסטענץ פון די ציוניסטישע גרופּירונגען מיט זייער פיינטלעכער פּראָפּאגאנדע איז געווען א שטערונג אינעם געזונטווערן פון די יידישע ארבעטנדיקע מאסן. די ליקווידירונג פון דעם איינפלוס פונעם ציוניסטישן נאציאָנאליזם, פארשנעלערט דעם פּראָצעס פון געזונט ווערן. די ביישפּילן אויף די פארשידנסטע געביטן זענען אלץ צאָלרייכער.

די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן כאָטש זיי זענען געווען פאָרמעל אין א פּאָליטישן אָרגאניזם מיט אן אקציע פּלאטפאָרם וואָס האָט באטראכט אלס א נויטווענדיקייט די באטייליקונג אינעם געמיינזאמען קאמף פון די דעמאָקראטישע כוחות פון אונדזער לאנד, פאר דעם בוי פונעם סאָציאליזם, האָבן אָבער נאָר געשטערט די דאָזיקע באטייליקונג.

אינעם צירקולאר נר. 17 פונעם „משמר״ פונעם 17 פעברואר 1948 לייענען מיר: „מיר רעכענען אז די ציוניסטישע באוועגונג דארף זיך נישט באשעפטיקן מיט אינערלעכע פראגעס און מוז אויף א נאטירלעכן אופן קאָנצענטרירן איר גאנצע טעטיקייט אויף די פּאלעסטינא־צענטרישע פראגעס.״

אזוי דערקלערט זיך דער פאקט וואָס די ציוניסטישע אָנפירער האָבן נישט דערלויבט די יוגנטלעכע פון זייערע אָרגאניזאציעס צו גיין אין די בריגאדעס פון פרייוויליקער ארבעט און האָבן דערפולט נאָר פאָרמעל אייניקע פארפליכטונגען אין דער הינזיכט שיקנדיק בלויז 2—3 יוגנטלעכע פון עטלעכע הונדערט אזוי ווי ס׳איז געשען אין ראָמאן, וו פון 400 איינגעשריבענע אין די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס האָבן געמאכט פרייוויליקע ארבעט בלויז 3. און אין יאס צוויי יוגנטלעכע פונעם ייד. דעמ. קאָמ. וואָס זענען געקומען דיסקוטירן וועגן דער באטייליקונג פון יונגע ציוניסטן פון באָראָכאָוויא צו פרייוויליקער ארבעט, זענען נישט אויפגענומען געוואָרן פון די אָנפירער פון דער גרופּירונג. אויך אין יאס איז דער יוגנטלעכער קענדלער יוסף פון „יהוד״ אויסגעשלאָסן געוואָרן ווייל ער האָט פליסיק געארבעט אויפן שאנטיער בומבעשט—ליוועזעני און איז אויסגעווילט געוואָרן בא דער אָנפירונג פון אן ארבעטס־סעקטאָר.

די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן האָבן שטענדיק געפירט אן אקציע פון פארלוימדן די דערגרייכונגען פונעם דעמאָקראטישן רעזשים אין אונדזער לאנד צווישן דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג. דער באשלוס פון דער רומענישער ארבעטער־פארטיי און פון דער רעגירונג פון דער ר.א.פּ. צו ליקווידירן מיט דער פארגאנגענהייט פון אונטערדריקונג, האָט דערפירט צו דער שאפונג פון אייניקע געזעצן און מאָסמיטלען וואָס האָבן געזאָלט שטעלן אין פראקטיק די פּאָליטיק פון פולער גלייכבארעכטיקונג פון די וואָס ארבעטן. די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע מאָסמיטלען זענען דאָס געזעץ 607, (אויף צוריקצוגעבן די גיטער) דאָס געזעץ פון דער בירגערשאפט, דאָס געזעץ פון איינרייען באם אי.אָ.וו.ר. די וואָס האָבן געליטן ראסיאַליע רדיפות און זייערע נאָכפאָלגער, א.א.וו. אלע די מאָסמיטלען זענען אָנגעווענדעט געוואָרן דורך די יידישע דעמאָקראטישע קאָמיטעטן, וואָס האָבן געגעבן די גאנצע הילף אז די יידישע ארבעטס־מענטשן זאָלן קענען פארווערטן זייערע רעכט וואָס די פאשיסטן האָבן בא זיי אוועקגענומען.

די ציוניסטישע אָנפירער כאָטש זיי זענען געווען קאָמפּאָנענטן פונעם י. ד. ק. האָבן זיי געזוכט צו מינימאליזירן דעם רעפּאַראַטאָרישן ווערט פון די דאָזיקע געזעצן, די ציוניסטישע פרעסע האָט נישט געזוכט צו לייטן די וואָס האָבן געהאט דאָס רעכט צו גענית פון די דאָזיקע געזעצן און עס איז נויטיק געווען אן אויסגעהאלטענע ארבעט מצד די מיטגלידער פון דער רומענישער ארבעטער־פארטיי פונעם ייד. דעמ. קאָמ. כדי די דאָזיקע געזעצן זאָלן קענען געבן א מאקסימום פון נוצלעכקייט.

פעסטשטעלנדיק די פיינטלעכע שטעלונג פון די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן לגבי די דעמאָקראטישע כוחות פון אונדזער לאנד בכלל און לגבי דעם יידישן דעמאָקראטישן קאָמיטעט בפרט, ווייזט אָן די רעזאָלוציע פונעם פּאָליטישן ביוראָ פונעם צ.ק. פון דער ר.א.פּ. אז: „אין ראמען פונעם יידישן דעמאָקראטישן קאָמיטעט האָבן געפירט די ציוניסטן א שטענדיקע אקציע פון סאבאָטאזש לגבי דער פארשטארקונג פונעם ייד. דעמ. קאָמ., האָבן געשטערט די אינקאדרירונג אין פּראָדוקטיווער ארבעט פון דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג, האָבן שטענדיק געפירט א נאציאָנאליסטישע אגיטאציע פון איזאָלירן צווישן דער דאָזיקער באפעלקערונג, זיך שטעלנדיק אזוי ארום מחוץ דעם ייד. דעמ. קאָמ.

דאָס איז געווען די ליניע פון די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן וואָס האָבן געפירט זייער טעטיקייט אָן צו באַגעגענען תמיד א פּרינציפּיעלן ווידערשטאנד מצד די ערלעכע אקטיוויסטן פונעם ייד. דעמ. קאָמ. צומאָל האָט די צוזאמענארבעט אין ראמען פונעם ייד.דעמ. קאָמ. מיט די ציוניסטישע נאציאָנאליסטן געשטערט די קריטיזירונג און די דעמאסקירונג פונעם שעדלעכן כאראקטער פונעם ציוניזם דאָרט ווו ער האָט זיך מאניפעסטירט. מיט דער הילף פונעם דאָקומענט, ארויסגעגעבן פון דער רומענישער ארבעטער־פארטיי האָט מען געקענט אנטדעקן און באזייטיקן די דאָזיקע פעלער און אויף דעם אופן איז מעגלעך געווען אָנצוהייבן אן ערנסטע ארבעט פון דעמאסקירן די ציוניסטישע נאציאָ-

נאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון ליקווידירן דעם ציוניסטישן איינפלוס אין די רייען פון די יידישע ארבעטס־מענטשן און האָט געפירט צו דער רעאָרגאַניזירונג פון נעם ייד. דעמ. קאָמ. מיט פּראָגרעסיסטישע עלעמענטן פעיק צו מאָביליזירן די יידישע ארבעטנדיקע באַפעלקערונג אינעם קאַמף פאַר דער פארפעסטיקונג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע קעגן די קלאַסן־עקספּלואַטאָרן און קעגן די אַגענטן פונעם אַנגלאָ־אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם.

*

אין דער דאָזיקער ארבעט האָבן מיר באַטראַכט פאַרשידענע אַספּעקטן, כאָטש נישט אַלע, פון דער שעדלעכער און פיינטלעכער אַקציע פון די ציוניסטישע נאַציאָנאַליסטן אין די רייען פון די יידישע ארבעטס־מענטשן. מיר האָבן געהאַלטן די דאָזיקע ארבעט פאַר נויטיק דער עיקר אַצינד ווען די יידישע ארבעטנדיקע באַפעלקערונג פון דער רומענישער פאָלקס־רעפּובליק מאַכט דורך אַ ריזיקן פאַרוואַנדלונג־פּראָצעס נאָך נישט באַגעגנט ביז אַצינד אין אונדזער לאַנד, אַ פּראָצעס וואָס איז פאָרגעקומען בלויז אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט געפירט דעם ארבעטס־מענטש פון דער לאַגע פון אַ „פאַרמיטלער" און „לופט-מענטש" צו דער מעגלעכקייט זיך צו שאַפן אַ סטאַבילע גע־זונטע באַשעפטיקונג, וואָס זאָל נוצלעך זיין דער געזעלשאַפט, ווי אויך זיך אַליין. דער דאָזיקער פּראָצעס איז מיט אַזויפיל פאַרלייכטערט געוואָרן, אויך ווייל עס איז פאָרגעקומען דער איבערגאַנג פון דער וועלט פונעם שטעקן און פונעם רע־וואָלווער וואָס האָט באַדראָט אויף יעדן טריט דעם בידנעם מאַן, צו דער וועלט פון נייעם פרייען לעבן, פון גלייכבאַרעכטיקטע בירגער מיט אַלע די וואָס ארבעטן אין דעם דאָזיקן לאַנד.

דער אינקאַדרירונגס־פּראָצעס אינעם דאָזיקן קאַמף איז געווען און ווערט נאָך געשטערט פון דער מענטאַליטעט וואָס איז זייט צענער יאָרן געלעגן אינעם מוח פון די מענטשן איבער די באַדינגונגען אין וועלכע זיי האָבן געלעבט און דער דערציונג וואָס זיי האָבן גענאָסן.

אָנגעפירט פון דער פּאַרטיי פונעם ארבעטער־קלאַס, פון דער מאַרקסיס־טיש־לעניניסטישער טעאָריע און זיך שטיצנדיק אויף דער דערפאַרונג פונעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַמיען מיר זיך צו פאַרלייכטערן די געבורט פונעם נייעם לעבן אין די רייען פון די יידישע ארבעטס־מענטשן.

מיר באַטראַכטן אַלס אַ וויכטיקע באַדינגונג דערצו אַ וואָס מער ערנסטע אויפקלערונג פון דעם וואָס עס שטעלט פאָר אין דער ווירקלעכקייט דער ציוניסטי־שער נאַציאָנאַליזם און וואָס ער פאַרפאָלגט.

אַלע צאָלרייכע פאַקטן פונעם לעבן פון דער יידישער ארבעטנדיקער באַ־פעלקערונג, קומען אונדז באַווייזן דאָס אַריינדרינגען פון די נייע איבערענדע־רונגען וואָס נעמען אַרום אַלץ ברייטערע שיכטן פון די וואָס ארבעטן.

דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם וואָס פאַרזיכערט אַ בעסער לעבן פאַרן אַר־בעטנדיקן פאָלק איז געוואָרן דער ציל פון טויזנטער און צענער טויזנטער יידישע

ארבעטס־מענטשן וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן וועג, באַפרייענדיק זיך פונעם אַלטן און ווערנדיק פאַר די אַרונטערגעבליבענע אַ לעבעדיקער ביישפּיל.

אויסגעצייכנטע אין דער פּראָדוקציע, אינאָוואַטאָרן, דעקאָרירטע, עווידענצירטע, טראַקטאָריסטן און טאָקערס, שאַכטיאָרן און מעטאַלורגיסטן, אוניווערסיטעטס־פּראָפעסאָרן, לערער און סטודענטן, זענען היינט די וואָס ציען צו די אויפמערקזאַמקייט און דעם פאַרדינטן כבוד מצד די יידישע ארבעטס־מענטשן.

דער פּראָצעס פון אינקאַדרירן אין דער פּראָדוקציע אויף וויפל עס רעאַליזירט זיך דער מלוכה־פּלאַן פאַרשנעלערט זיך און נעמט אַרום אַלץ מער יידישע ארבעטס־מענטשן.

ווייטער פירנדיק די אויפקלערונגס־ארבעט פון די יידישע ארבעטס־מענטשן איבער דער באַדייטונג פונעם נייעם סאָציאַליסטישן לעבן, דעמאַסקירנדיק די פּראָפּאַגאַנדע פונעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם, וועלן מיר קענען מאַכן פון יעדן יידישן ארבעט־מענטש אַ מיט־באַטייליקטן אינעם געמיינזאַמען קאַמף פון די ארבעטנדיקע מאַסן פון אונדזער לאַנד, פאַרן בוי פונעם סאָציאַליזם.

טיראזש: 1100. קלאסיפיקאציע: 323.1(=924.6)
נר. 883/950. געדרוקט: „דאָבראָדזשעאנו גערעא"